№ 40 • טעלעפאן יאהרגאנג • פרייז 20 גראשען • „CZENSTUCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

ערשיינט יעדן פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 291.

אבאנעמענט-פרייז פאר 1 מיליטמעטער-שורה:

אבאנעמענטס-פרייז 1 נומער 20 גראשען.
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 291.

Piątek, d. 30 września 1932 | 5.03 ליכט-צינדען | פרייטאג, ט' האזינו ערב ראש השנה תרצ"ג.

Biblioteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט יאהר
ווינשען מיר אונזערע געעהרטע לעזער און אבאנענטען,
אנאנסען - געבער, מיטארבייטער און קארעספאנדענטען,
אין לאנד און אין אויסלאנד, און דעם גאנצען כלל-ישראל.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
„טשענסטאכאווער צייטונג".

דאס ביי=געעפענטע פוטער הורט=געשעפט
— אונטער דער פירמע —
CZĘSTOCHOWSKA HURTOWNIA FUTER, Sp. z o. o.
פילסודסקי גאס 11, טעלעפאן נר. 9=10
מאכט בעקאנט, דאס צום לויטענדען ווינטער-סעזאן בעזיצט א רייכהאלטיגען לאגער פון אלערליי פוטער-סחורות
ווי: ביבארלען, נוטריעס, סקונקסעס, דובלאנעס, פאקען, ביבערעס, סלאטין, לוטער, האזען, טשלאקעס, אמעריקאנער אפאסען,
אין אלע מאדערנע פארבען און פערשיידענע אנדערע.
פערקויף אויסשליסליך אין הורט. **בילינסטע קאנקורענץ-פרייזען.**

גוטא סטאפניצקא — נח קורלאנד
תנאים געשריבען.
טשענסטאכאוו, אין סעפטעמבער 1932 י.

צו דער תנאים פון אונזער ליעבען זוהן און ברודער **נח קורלאנד** מיט פרל. **גוטא סטאפניצקא**
אונזערע הארציגסטע ברכות.
עלטערן און געשוויסטער.

צו דער תנאים פון אונזער ליעבען **נח** מיט פרל. **גוטא סטאפניצקא**
א הערצליכען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט
ווינשען:
באבע, איטשע פאקטאר און פרוי,
לייביל פאקטאר און פרוי, ישעיהו פאקטאר.

דעם מחותן ה' **אהרן סטאפניצקי**
צו דער פערלאבונג פון זיין טאכטער **גיטל** מיט מיין ברודערן - זוהן **נח**
ווינש איך א הערצליכען מזל-טוב און פיעל נחת.
הירשל קורלאנד און פרוי.

צו דער תנאים פון אונזער שוועסטערן-און שוואגערן-זוהן ה' **נח קורלאנד** מיט פרל. **גוטא סטאפניצקא** א הערצליכען מזל-טוב.
זאל זייער לעבענס-וועג זיין בעצירט מיט די הערליכע זונען-שטראהלען.
אנשטאט בלומען 3 זל. פאר בית-לחם.
מרדכי זיגעלבוים און פרוי.

מזל-טוב צו דער פערלאבונג פון אונזער שוועסטערן - טאכטער פרל.
גוטא סטאפניצקא מיט ה' **נח קורלאנד.**
זאל זייער לעבענס-וועג זיין א גליקליכער און צופרידענער.
פאמיליע צימערמאן, פאמיליע שענקארסקי.

Z intencji zaręczyn kuzynki mojej
GUTY STOPNICKIEJ z p NOEM KURLANDEM
składam im najszczersze życzenia, szczęśliwej
i promienistej przyszłości.
JOSEK CYMERMAN.

דער **פאמיליע סטאפניצקי**
צו דער תנאים פון זייער טאכטער **גוטא** מיט ה' **נח קורלאנד**
אונזער הארציגסטען מזל-טוב. דערלעבט פון זיי נחת.
פאמיליע גאלדשער.

לארושי ידידי מר **נח קורלנד** עם בחירת-לבו מרת **גוטה סטופניצקה**
ברכות מאליפות ואחולים לבבים.
יהא רעוא, שזווגכם יעלה יפה. **יורק טטרקה.**

מיין פריינד **נח קורלאנד** צו זיין תנאים מיט פרל. **גוטא סטאפניצקא**
א בליהענדע צוקונפט.
די עלטערן — א הארציגען מזל-טוב.
ווינשט **שמעון קרעל.**

Z intencji zaręczyn naszego kolegi
NOEGO KURLANDA z p. GUTĄ STOPNICKĄ
życzymy im wiele szczęścia i jasnej przyszłości.
ADOLF ZUZOWSKI z NARZECZONĄ.

מזל-טוב ווינשען מיר דער **פאמיליע קורלאנד**
צו דער תנאים פון זייער זוהן **נח** מיט פרל. **גוטא סטאפניצקא.**
דעם חתן כלה — א בליהענדע צוקונפט.
אויך ווינשען מיר זיי א **כתיבה וחתימה טובה.**
פאמיליע מאנדעל.

מיין ליעבען קוזין **נח קורלאנד**
צו דער פערלאבונג מיט פרל. **גיטל סטאפניצקא**
ווינש איך פיעל גליק **לייב קורלאנד.**

לארושי ידידי, מר **נח קורלנד** עם בחירת-לבו, מרת **גוטה סטופניצקה**
ברכות מאליפות ואחולים לבבים.
יעקב שטיינהרט.

מז"ט
יהודה ליב קאלמערסקי — חי' גאלדשמיד
מאורשים
ציינסטוחוב — בירח אלול תרצ"ב. — שטשעקאצין
מז"ט לך הברי היקר והנעלה המצוין במעלות וכו' כמר **יהודה ליב קאלמערסקי** נ"י
עם ב"ג העלמה מרת **חי' גאלדשמיד** תחי' משטשעקאטשין.
יהי' דרכך הראשון על מפתן החיים צלחה ותזכה לחוג אפריונך על הרי ציון וירושלים.
חברך ומוקירך **חיים ברוך לאנדסמאן.**

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פאמיליע **פישהאלטער**
צום פריהצייטיגען טויט פון זייער ליעבען מאן, זוהן און ברודער
נ"ע **אברהם יצחק**
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
פאמיליע היימאן.

א כתיבה וחתימה טובה
אלע איהרע מיטגלידער
ווינשט צום נייעם יאהר
די פערוו. פון דער געז.
„אחיעזר".

דער עלעקטראטעכניקער
מענדיל עדליך
אלעע וואלענטשטיין 19 אדער פילסודסקי 21
ווינשט זיינע קליענטען, פריינד, בעקאנטע און געעהרטע קונדען
א כתיבה וחתימה טובה.

א כתיבה וחתימה טובה
צום נייעם יאהר
אונזערע פריינד, בעקאנטע און אלע אונזערע קונדען
ווינשען: **א. הערצבערג און פרוי**
אייגענטימער פון
וואורשטען - געשעפט אלעע 16.

א כתיבה וחתימה טובה.
מיינע קרובים, פריינד, בעקאנטע און אלע מיינע קונדען, ווינש איך צום נייעם יאהר
יעקב משה גרוימאן און פרוי
נייער מארק 4.

דאס בעוואוסטע לאנגיעהריגע וואורשטען-געשעפט א. ד. פ.
ש. קויפמאן, אלעע 9
ווינשט איהרע ג' קליענטען צום נייעם יאהר
א כתיבה וחתימה טובה.

דער וויין-פאבריקאנט
שמואל גאלד
יאסשאווער 11, ווארנונג טאראוואסקא 16
ווינשט אלע קרובים, פריינד און געעהרטע קונדשאפט צום נייעם יאהר **א כתיבה וחתימה טובה.**

א כתיבה וחתימה טובה
אלע מיינע קונדען, פריינד און בעקאנטע צום נייעם יאהר
ווינשען
אייזיק אבראמאוויטש און פרוי
אלעע 4 און אלעע 28.

אלע אונזערע אבנעמער, אגענטען און קונדען
א כתיבה וחתימה טובה
ווינשט
„India Best Tea London"
ווארשאווער 21.

לשנה טובה תכתבו.
אלע געניטע און שפארזאמע בעל-הבית'טעס, וואס נוצען צום
פרעגלען, קאכען, בראטען, באקען און שמיר אויף ברויט
נאר די בעקאנטע פפלאנצען-פוטער
„Amada" און „Dida"
וועלכע עס ווערט אויסגעארבייט אונטער די שטרענגסטע השגחה פון רבנים הגאונים
הרב **פרענקעל,** סקאווינא און הרב **סעגאלאוויטש,** דאנציג
ווינשען מיר
א כתיבה וחתימה טובה.
„MARGA", Tow. Handlowe, Sp. z o. o.
WARSZAWA.
פערטרעטער אויף טשענסטאכאוו:
Chaim Zylberszpic, Częstochowa,
Kilińskiego № 14.

Koleżance naszej ESTERCE BOBROWSKIEJ
z powodu śmierci
MATKI Jej
wyrazy szczerego współczucia składają koleżanki
Rywcia, Rożka B., Rózia, Dorka C.,
Dorka B., Edzia, Sala, Frania.

דאס בעוואוסטע וואורשטען=געשעפט
דוד גאלדבערג, אלעע 6
ווינשט די געעהרטע קונדשאפט, פריינד און בעקאנטע
א כתיבה וחתימה טובה צום נייעם יאהר.
גלייכצייטיג בין איך מודיע, דאס צום ווינטער-סעזאן וועט מיין געשעפט זיין פערזעהען יעדען טאג מיט פרישע רעקלאמירטע סחורה ווי: וואורשטען, אויפשניט, און פערשיעדענע מיעשאנקעס „סאלאמי" און זעלצער ווארשט, ווי אויך וויענער ווארשטלעך און קראקאווסקע ווארשטלעך 2 מאל טעגליך פרישע.
גענזען-שמאלץ און ברוסט - שמאלץ צו זעהר ביליגע פרייזען.
איך האף, אז די געעהרטע קונדשאפט וועלען פון נייעם יאהר אן מיר ווייטער שענקען צוטרוי.
מיט אכטונג **דוד גאלדבערג, אלעע 6.**

די גליקליכע קאלעקטור
ב. בארושיקאווסקי
און **האפטקע** ווארשעווער 9
ווינשען זייערע געעהרטע קונדשאפט, פריינד, און בעקאנטע צום נייעם יאהר
א כתיבה וחתימה טובה.

מיר ווינשען אונזערע עלטערן און שוויגער-עלטערן, פאמיליע און בעקאנטע גליק, געזונד און פרנסה **צום נייעם יאהר.**
פאמיליע שמולעוויטש.

איך ווינש אלע מיינע אבאנענטען און קויפער פון מיין צייטונגס-קיאסק
א גליקליך יאהר.
צייטונגס-פערקויפער **ישראל שמולעוויטש**
אלעע נר. 5.

לשנה טובה תכתבו
פיעל גליק און צופרידענהייט ווינש איך מיינע געעהרטע אבאנענטען און לעזער ווי אויך די צייטונגס-אגענטען ה"ה: העשקע גוטפריינד און שלמה פראנקפורט אויך ה' מיסקע.
צייטונגס-פערקויפער **ישראל סקאווראנעק.**

ווילט איהר זיין עלאגאנט,
דאן בעזוכט מיין **קאפעלושען - ווערקשטאט,**
וואס געפונט זיך ווי ביז איצט אויף דער
ווארשעווער גאס 13
וואו פון אלטע קאפעלושען, וואס איהר ווילט שוין ארויסווארפען, וועט איהר בעקומען
א ניי עלעגאנטען קאפעלוש
און פאר ביליג געלד.
מיט אכטונג **געבר. שטשעקאץ,**
ווארשעווער 13.

Wyrazy szczerego współczucia koleżance naszej
Tońce Klajnównie oraz rodzinie
z powodu zgonu Ojca Jej b. p. **RUBINA**
wyrażają **Hela Libermanówna i Hela Lewenhofówna.**

דאס יאהר ה' תרצ"ב אין יודישען לעבען.

(אלגעמיינער איבערבליק).

אין יודישען לעבען האט א יאהר
פיעל מעהר בעדייטונג ווי ביי אנדע-
רע פעלקער, שוין צוליעב דעם, וואס
די יודען אין אלע גלות-לענדער זענען
אלס בירגער פון די דאזיגע לענדער
ענג צוזאמענגעבינדען מיט אלע ער-
אייגנישען און געשעהענישען וואס קו-
מען דארט פאר און בעזונדער לעבט
דאס יודישע פאלק אדורך זיינע ספע-
ציפישע געשעהענישען וועלכע זענען
ספעציעל יודיש און טרעפען נישט ביי
קיין שום אומה ולשון.

און ס'איז שוין א בעוואוסטע זאך,
אז אויב ס'קומט פאר עפיס א קאטא-
סטראפע אדער בכלל א איבערגאנג
צום שלעכטען אין א וועלכען ס'איז
לאנד, וואו יודען וואוינען, רופט עס
זיך אמערגסטען אב אויף דער יודי-
שער מינדערהייט, עפ"י רוב קומט
דאס פאר, ווייל אויב מען קען נישט
געפונען די סבות פון דער געשאפע-
נער שלעכטער לאגע ווארפט מען זיך
אויף די יודען אין וועלכע מען זעהט
דעם מקור פון יעדען שלעכטען, און
בעזונדער איז די לאגע פון יודען
אזעלכע, אז די בעדינגונגען אין וועל-
כע זיי לעבען פיהרען דערצו דאס יע-
דע מינדסטע אלגעמיינע ירידה רופט
זיך אממעהרסטען אב אויף די יודי-
שע בירגער פון לאנד.

אויך דער יעצט-הערשענדער וועלט-
קריזיס האט אין אלע לענדער פרא-
פארציאנעל פיעל מעהר אנגעריהרט
די עקאנאמישע לאגע פון די יודען,
ווייל זאגאר אין די געצעהלטע לענ-
דער וואו יודען געניסען פון די ביר-
גערליכע רעכט זענען זיי נישט גוט
געפונדעוועט, זענען זייערע פרנסות
נישט אזעלכע פעסטע און זיכערע, די
יודען וואוינען ס'רוב אין די שטעדט
און פערנעמען זיך מיט מסחר, אדער
מלאכה, און יעדעס עקאנאמישע ווינ-
טעל איז עלול זיי אומצווארפען אדער
אויפצוטרייסלען.

אבער דאס ערגסטע, דאס שרעק-
ליכסטע וואס בלוטיגט די יודישע הער-
צער איז נישט די עקאנאמישע לאגע,
נאר די גייסטיגע ערנידערונג, דער
אנטיסעמיטיזם, די „שנאת עולם לעם
עולם" וואס הערשט אין אלע צייטען
און דורות זינט יודען זענען אין גלות,
און וועלכע האט זיך ליידער אין לעצ-
טען יאהר תרצ"ב פיעל פערגרעסערט
און פערברייטערט.

אין א גאנצע רייהע לענדער וואו
יודען וואוינען זענען פארגעקומען רדי-
פות און פאגראמען אויף די יודישע
בירגער, ווען מען האט געשלאגען, גע-
פלינדערט, גערויבט דאס יודישע האב
און גוטס, אויסגעשטעלט זייער מיט
גויט און שווייס אנגעזאמעלט פערמע-
גען אויף הפקר, אהן שום סבה, אהן
יעדען מאטיוו, נאר גלאט, ווייל מיר
זענען יודען, ווייל מיר האלטען זיך
אין אונזער נאציאנאלע און טראדיציא-
נעלע ירושה וואס איז טיעף איינגע-
ווארצעלט אין אונזער בלוט און מיר
ווילען זיך און טארען זיך פון דעם
נישט אבזאגען.

דאס שרעקליכסטע, דאס אונגלויב-
ליכסטע איז פארגעקומען אין דייטש-
לאנד, אין דעם לאנד פון פראגרעס און
קולטור, אין דעם לאנד וואו יודען זע-
נען שטענדיג געווען גלייכבערעכטיגטע
בירגער, און וואו יודען האבען אבגע-
געבען זייער בלוט און מארך פאר דעם
צווייטען „פאטערלאנד". אט דארט איז
א פייער המן אויפגעשטאנען, א היט-
לער, וועלכער האט געפרעדיגט טויט
און פערניכטונג דעם יודישען פאלק.
און מיט אט דער נידערטרעכטיגער
לאזונג איז ער געקומען צו די ברייטע
דייטשע פאלקס-מאסען, און באלד האט
ער ערווארבען ארום זיך מיליאנען פון
דייטשע „קולטורעלע" בירגער, וועלכע
האבען איינגעארדענט אפענע פאגרא-
מען אויף יודען, אין דער דייטשער
רעזידענץ-שטאדט, אנגעפאלען אויף די
שוצלאזע יודען ווי די ווילדע חיות,
געשלאגען, געראבעוועט אפען לעיני
השמש אזוי ווי אמאל אין די צייטען
פון פינסטערניש און מיטעלאלטער.

די פאליטישע לאגע אין דייטשלאנד
איז געווען אזאלכע דאס מען האט גע-
מיינט אז אט אט נעמט דער יודענ-
פרעסער היטלער איבער די העכסטע
מאכט אין לאנד, און די דייטשע יודען
האבען שוין געטראכט וועגען נעמען
דעם וואנדערשטעקען אין האנד און
ענטלויפען וואו די אויגען וועלען זיי
טראגען, אזוי ווי אמאל אין שפאניען.
איצט האט די פאליטישע לאגע זיך
עטוואס געענדערט, דער רשע היטלער
האט פערלוירען זיין איינפלוס,
די יודען האבען פרייער אבגעאטעמט,
אבער ווער ווייסט וואס די נאהנטסטע
טעג וועלען ברענגען פאר די יודען
אין דייטשלאנד.

עס איז א פרעהליכע ערשיינונג ווי
די שרעקליכע לאגע פון יודען אין
אלע לענדער האט פארט געעפענט די
אויגען פון אונזערע פראמינענטע כלל-
טהוער וועלכע האבען אנגעהויבען
ערנסט טראכטען וועגען א אלוועלטלי-
כע יודישע פערטרעטונג, וועגען שאפען
א טריבונע פאר'ן גאנצען יודישען
פאלק. וועלכע זאל זיין די יודישע
פאלקס-פערטרעטונג און קענען רעדען
אין זיין נאמען. צו דעם צוועק איז
פארגעקומען די יודישע וועלט-קאנפע-
רענץ אין זשענעווא, וועלכע האט אנ-
גענומען א בעשלוס צו רופען א יודי-
שען וועלט-קאנגרעס.

אמת, אז אויך דא האט מען געזעהן
די שלעכטע זייטען, די פינסטערע שא-
טענס וואס רוקען זיך ארויס זאגאר
ווען עס האלט ביי אזא ערנסטע לע-
בענס-פראגע, וועלכע קומען נאר שטערען
און זענען גרייט פאר זייער כבוד און
אמביציע מפקיר צו זיין דאס גאנצע
יודישע פאלק און זיינע בלוטיגסטע
אינטערעסען, אבער דאס איז, דאכט
זיך, נאר א קליינע פערשווינדענדע
מינדערהייט וועלכע וועט אויף דער
יודישער גאס קיין איינפלוס נישט הא-
בען, און בעזונדער וועט זיך ביי זיי
אויפוועקען דאס געוויסען, און זיי וועט
לען אויף זיך נישט וועלען נעמען דאס
גרויסע אחריות פון שטערען אזא וויכ-
טיגע און גרויסע פאלקס-זאך.

אויב אבער אין גלות, אין אלע לענ-
דער איז די יודישע לאגע אין פער-
גאנגענעם יאהר גייסטיג און עקאנאמיש
זעהר געפאלען, האבען מיר דערפאר
צו פערצייכענען דעם גרויסען גייסטי-
גען און עקאנאמישען ערפאלג וואס
מיר האבען אין אונזער זיך בויענדער
נאציאנאלער היים אין א"י, דארט
ווייסט מען נישט פון קריזיס און אר-
בייטסלאזיגקייט, אלץ איז בעשעפטיגט,
אלץ לעבט און בויט, עס ווערען ממש
וואונדער בעוויזען און די גאנצע
וועלט שטוינט פון די גרויסע יו-
דישע שאפונגען, עס ווערט דערהויבען
אלץ העכער און העכער די יודישע
אלט-נייע קולטור, אונזער אלט-נייע
העברעאישע שפראך, און עס שאפט
זיך, עס בויט זיך א יודיש לאנד, א
יודישע מלוכה.

און די זיהן פון ציון, די געיאגטע
און געפלאגטע אין אלע גלות-לענדער
טראכטען ערנסט, זעהר ערנסט וועגען
אומקעהרען זיך אין זייער ארץ-אבות
וועלכעס איז גרייט זיי אויפצונעמען
מיט אפענע ארעמס. י. פ.

תרצ"ב - תרצ"ג.

(א פאר בעמערקונגען וועגען דער א"י - ארבייט פון פוילישען יודענטום)

דאס פארגאנגענע יאהר תרצ"ב איז
אין דער געשיכטע פונ'ם יודישען
פאלק אין די גלות-לענדער געווען איי-
נע פון די שווערסטע, נישט נאר אין
עקאנאמישער, נאר אויך אין פאליטי-
שער סאציאלער און קולטורעלער הינ-
זיכט. די גרויסע פעראמונג פון די
יודישע מאסען האט זיך אינ'ם אבגע-
לאפענעם יאהר פערשפרייט כמעט אויף
אלע יודישע ישובים אין די לענדער
פון דער יודישער צושפרייטונג. אבער
בעזונדערס שווער איז געווען אין דעם
דאזיגען יאהר די לאגע פון פוילישען
יודענטום, וועלכעס געדענקט שוין נישט
פון לאנגע צייטען גוטע לעבענס-בע-
דינגונגען און מעגליכקייט פון פרייער
אונגעשטערטער ענטוויקלונג, אויף ווי-
פיעל זי איז בכלל מעגליך, אין די
גלות-לענדער. דער עקאנאמישער חורבן
פון דעם 3-מיליאניגען יודישען קבוץ
אין פוילען האט אבער כמעט לגמרי
נישט אבגעשוואכט די גרויסע אפפער-
ווילינקייט פון דער יודישער בעפעלקע-
רונג פאר דער אויפבוי-ארבייט אין
א"י. פאר די רואינירטע יודישע מא-
סען איז קלאר געווארען יעצט, מעהר
ווי תמיד, אז די ראדיקאלע לייזונג
פון אלע אנגעווייטאגטע פראגען פונ'ם
יודישען לעבען, קאן געשעהן נאר אין
א"י. אלס די בעסטע בעשטעטיגונג פון
דעם איז געווען דער פאקט, אז אין
גרויסען ים פון יודישער דחקות און
הילפלאזינקייט, איז א"י געווען כמעט
דער איינציגער אינזעל, וועלכער
איז נישט בעריהמט געווארען דורכ'ן
גרויזאמען וועלט-קריזיס און יודישער
פויפעראזאציע.

דוקא אין יאהר תרצ"ב איז די לא-
גע פונ'ם יודישען ישוב אין א"י גע-
ווען מעהר ווי צופרידענשטעלענד: נייע
יודישע קאלאניעס זענען געגרינדעט
געווארען אויפ'ן באדען פון קרן קימת
אין וואדי-חאווארעט, די אלטע קאלא.
ניעס זענען אויסגעברייטערט און
פערשטארקט געווארען, טויזענדער דו-
נאסען באדען זענען פערפלאנצט גע-
ווארען מיט נייע פרדסים, און פער-
שידענע געביעטען פון דער שטאדטי-
שער אינדוסטריע און האנדעל האט
זיך געמערקט א אויסערגעוועהנליכע
ענטוויקלונג און פול מיט האפנונגען
איז געווארען דער אוואנגארד פון דער
יודישער בעפרייאונג, אונזער יודישער
ישוב אין א"י.

ווי א לייכט-טורם, אין מיטען ברוי-
זענדען ים, האט גערופען דאס בויענ-
דע זיך א"י, די מיליאנען יודען מאכען
די גרויסע היסטארישע אנשטרענגונג
פאר דער יודישער בעפרייאונגס-טהאט.
מ'קען עס דרייסט זאגען — נאך דער
פיערטער עליה אין תרפ"ח איז נישט
געווען אזא אויפשטייג אין דער א"י-
שטימונג און אזא אויפריכטיגער ווי-
לען קומען צוהילף אין דעם בנין הארץ
ווי עס איז געשעהן אין תרצ"ב.

אט טאקי צוליעב דער ערפרעהענ-
דער סיטואציע אין א"י איז געלונגען
אויך ביי אונז אין פוילען, טראץ דער
גרויסער נויט, פערענדיגען די היי-
יאהריגע קרן-קימת זאמלונגען מיט א
פערהעלטניסמעסיגען צופרידענשטעלענ-
דען רעזולטאט. און דאס א דאנק דער
אונאויפהערליכער ענערגישער טהאט
פון דער 10-טויזענד קעפיגער עסקנים-
מחנה, וואס איז געווען אדורכגעדרינ-
גען מיט'ן גרויסען אפטימיזם און ענט-
שלאסענעם ווילען נאך מעהר אויס-
ברייטערן די קאלאניזאציע-מעגליכקיי-
טען אויפ'ן נאציאנאלען באדען אין א"י.

דאס יאהר, אין וועלכען עס איז
געפייערט געווארען דער 30-יעהריגער
יובילעאום פון דער „חבת-ציון" בעווע-
גונג און 20 יאהר קרן-קימת דארף ווע-
רען א ווענדע-פונקט אין דער ציוניס-
טישער טהאט פאר א"י. מיר מוזען
ענדליך ארויסגעהן פון די פערהעלט-
ניסמעסיג ענגע ראהמען פון אונזער
נאציאנאלער קאלאניזאציע, עס מוז
פערפיעלפאכט ווערען אונזער באדען-
בעזיץ אין א"י, דאס לאנד מוז אריינ-
נעמען אין די נאהנטסטע יאהרען גרוי-
סע יודישע מאסען, וועלכע זוכען זיך
א אויסוועג פון דער גלות-עלענד.

און טאקי דערפאר איז דער היי-
יאהריגער רעזולטאט פון קרן קימת אין
פוילען ווייט נישט אין איינקלאנג מיט
די גרויסע בעדערפנישען פון דער בע-
פרייאונגס-בעוועגונג. פיעל מעגליכקיי-
טען, וועלכע זענען פערהאן אפילו ביי
די עקזיסטירענדע אומשטענדען, זענען
נישט אויסגענוצט געווארען דורך די
טהוער פאר דער פערגרעסערונג פון
די היי-יאהריגע הכנסות, וועלכע הא-
בען געקאנט און מוזען פערדאפעלט
ווערען אין יעדער שטאדט און שטע-
דטיל.

דאס יאהר תרצ"ג מוז ווערען דאס
יאהר פון גרויסע עקספאנסיע אין דער
קק"ל ארבייט. גרויסע באדען-שטחים
אין פערשידענע עקען פון א"י ווארע-
טען אויף דער געטרייער ארבייטס-האנד
פון יודישען פויער. פון דעם קרן-קימת
זאמלער העגגט עס אב אויסברייטערען
דעם פערנעהם פון אונזער פערווירק-
ליכונגס-טהאט, פון איהם העגגט עס
אב אין א געוויסער מאס אויך די
פערגרעסערונג פון אונזערע עליה-מע-
גליכקייטען.

דער קרן-קימת אין פוילען פראיעק-
טירט היי-יאהר אדורכצופיהרען א ספע-
ציעלע זאמלונג געווידמעט דער גרינ-
דונג פון א בעזונדערע קאלאניע פאר
פוילישע יודען אויף דעם אויסגעברייי-
טערטען באדען-שטח פון וואדי-כאוואר-
ריט. אזוי ארום וועט דאס פוילישע
יודענטום ענג און קאנקרעט זיך פער-
בינדען מיט א וויכטיגען טהאט אין
א"י. עס וועט זיין א עהרען-זאך פונ'ם
3-מיליאניגען יודישען קבוץ שאפען די
מעגליכקייט אין לאנד פאר דער עליה
פון זיינע חלוצים און רואינירטע ברי-
דער.

חוץ דעם ווערט פאראויסגעזעהען
אין תרצ"ג א בעזונדערע פרעמירונג
פאר די גרעסערע קק"ל פענדער אין
לאנד. צווישען די פרדסים וועט זיך גע-
פונען א פרדס אויפ'ן קק"ל באדען, א
הויז אין תל-אביב, א סטיפענדיום אין
ירושלים'ער אוניווערזיטעט, אומזיסטע
רייזעס קיין א"י א. א. וו.

אין שיין פון די גרויסע דערגריי-
כונגען אין א"י פון די ריזיגע מעגליכ-
קייטען זיי אויסצוברייטערען און פער-
שטארקען וועט דאס פוילישע יודענטום
מאביליזירען אלע זיינע כחות פאר
דעם היסטארישען שטרעבען און זיין
רעטונגס-אנקער—גאולת און בנין הארץ.
פ. ר.

(25 די ענטלאפענע.

ראמאן פון יודישען לעבען אין דייטשלאנד אין 18-טען יאהר-הונדערט.

פון י. איזאקזאהן.

(פארטזעצונג)

אדאלף רייכמאן איז צוריקגעגאנגען
אין האטעל אריין ווען ער האט גע-
זעהן, אז חנה'לע איז געראטעוועט,
און דער אנפאלער האט זי אבגעלאזט,
אבער ער האט ביי קיין פאל נישט
געקענט פערשטעהן וואס דא איז פאר-
געקומען, קיין געוועהנליכער אנפאל
איז דאס נישט געווען — האט ער גע-
טראכט — ווארום ער האט דאך גע-
זעהן ווי חנה'לע האט מיט יענעם גע-
רעדט גאנץ רוהיג, מוז דאס דאך זיין
עפיס איהרער א בעקאנטער, און וואס
קען דא זיין פארגעקומען?

אזעלכע געדאנקען האבען איהם גע-
קוועהלט די גאנצע נאכט, און ער
האט נישט געקענט ענטשלאפען ווערען.
ווען ס'איז טאג געווארען האט ער זיך
אויפגעכאפט פון געלעגער און גענומען
זוכען מיטלען ווי אזוי זיך צו זעהען
מיט חנה'לען.

איך קען מיך דאך נישט לענגער
אויפהאלטען אין פראנקפורט—האט ער
געטראכט—איך האב אהיים געשריבען,
אז איך פאהר ארויס נאך נעכטען, און
איך בין געבליבען ביז היינט צוליעב
חנה'לען, נו, קען מען זיך דאך נישט
שפילען, איך מוז זיך מיט איהר זעהן,
אדורכרעדען, און וואס איז טאקי מיט
דעם נעכטיגען אנפאל?

דאס זעלבע איז אויך פארגעקומען
מיט חנה'לען, אויך זי האט די גאנצע
נאכט נישט געשלאפען, דער ברוטא-
לער אנפאל אויף איהר פון דעם לעה-
רער אלפרעד איז פאר איהר געווען
אזוי אומגעריכט, אז זי איז פשוט ער-
שטוינט געווארען, און דאס האט איהר
געעפענט די אויגען צו זעהען מיט
וואסערע געדאנקען אלפרעד טראגט
זיך ארום, זי האט זיך ערשט יעצט
אריענטירט אויף פערשידענע פאקטען
וואס עס האבען געשראפען מיט איהר,
אויף וועלכע זי האט ביז-יעצט קיין
אכט נישט געלעגט, און איצט האט זי
פערשטאנען, אז דאס איז אלץ נישט
געווען קיין צופעליגקייטען, נאר ער
האט דאס פריהער אויסגערעכענט.

און וואס טראכט וועגען דעם אדאלף
רייכמאן?—איז איהר געקומען אין מוח
א געדאנק, וועלכער האט זי ערשי-
טערט—זי האט נישט געוואוסט, אז ער
שטעהט פון ווייטען און ווארט ביז זי
וועט אריין אין טויער, אבער שפע-
טער ווען זי האט געשריגען איז ער,
אדאלף. אויך געקומען באלד אהין און
ווען דער לומפ האט זי אבגעלאזט
אויף דעם געשריי פון זיין פרוי, איז
אדאלף באלד אוועק, איך געדענק דאס
גאנץ גוט, ווייל טראץ דעם פלוצלונ-
גען איבערפאל, האב איך נישט פער-
לוירען דאס גלייכגעוויכט. נו וואס
וועט זיך אדאלף וועגען דעם טראכטען?

ער האט נעכטען געזאלט אוועקפאהרען
פון פראנקפורט און איך האב איהם
פשוט מיט געוואלד צוריקגעהאלטען.

ביי דעם האט זי זיך אבגעשטעלט
און געטראכט: האט דאס א צוועק
איהם מיט געוואלד צו האלטען, אויב
ער זאל מיך נישט ליעבען... אבער
ניין, איך בין זיכער אז ער האט מיך
ליעב אזוי ווי איך איהם, איך האב
דאס דערקענט און געפיהלט, און דא-
ריבער האט ער געוואלט ענטלויפען,
ווייל ער האט געוואלט מיט אלע כו-
חות אויסמיידען אונאנגענעהמליכקיי-
טען מיט מיינע עלטערן און מיין חתן,
ער איז פיין, ער איז איידעל און וואס
וועט יעצט זיין. איך פערשטעה אז ער
מוז חיינט אוועקפאהרען, ער קען
לענגער דא נישט בלייבען, און וואס
וועט זיין מיט מיר? וואסערע איינדרוק
האט אויף איהם געמאכט דער נעכטי-
גער אנפאל? אה, ווי איך וואלט איהם
געוואלט זעהן, אויסגיסען פאר איהם
מיין הארץ...

אויך יעקב משה מיט זיין פרוי הא-
בען אין דער דאזיגער נאכט נישט גע-
שלאפען.

אין ערשטען מאמענט באלד נאך
דעם אנפאל איז יעקב משה געווען
זעהר דענערווירט און איז גרייט גע-
ווען שוין צו לויפען אין פאליציי און
מעלדען וועגען דעם, אבער באלד
האט ער זיך דערמאנט, איבערהויפט
האט איהם זיין פרוי אויפמערקזאם גע-
מאכט, אז לויט די אומשטענדען אין
וועלכע די יודען אין פראנקפורט הא-
בען זיך דאמאלס געפונען איז נישט
געוואונשען אויפצושטעלען געגען זיך
א שונא אזא מענש ווי דער לעהרער
אלפרעד, וועלכער איז געווען הויפט-
לעהרער און לייטער פון דער שולע,
און געוויס וועט די קריסטליכע עפענ-
טליכע מיינונג זיין מיט איהם, געגען
דעם יוד.

אמת, איך בין טאקי זעהר אנגע-
זעהן צווישען דער קריסטליכער בע-
פעלקערונג, מען האלט מיך פאר א
עהרליכען מענש, אבער מען האט שוין
געזעהן אזעלכע פאקטען און שטענדיג
איז דער יוד געווען דער שוואכער און
שטענדיג איז ער בעזיעגט געווארען.

אין דעם זין האט יעקב משה מיט
זיין פרוי געפיהרט א געשפרעך א
גאנצע נאכט, אבער צום סוף האט
יעקב משה געזאגט:

איך האלט, אז יעדענפאלס האבען
מיר זיך נישט וואס צו שרעקען, ווא-
רום דעם לעהרער'ס פרוי האט אלץ
צוגעזעהן און זי וועט דאך זיין אויף
אונזער זייט. איך גלויב, אז זי אליין
וועט קענען זיין דער בעסטער עדות,
אז איהר מאן איז ברוטאל אנגעפאלען
אויף אונזער טאכטער און זי וועט
איהם אבהאלטען אז ער זאל זיך מעהר
צו איהר נישט צוריהרען.

דאס האט איהם מיט זיין פרוי עט-
וואס בערוהיגט, און געגען טאג זענען
זיי איינגעשלאפען. אבער עס האט
נישט לאנג געדויערט ווי יעקב משה
און זיין פרוי האבען געהערט א גערו-
דער אין פאדער - צימער, און באלד
האט זיך אויפגעריסען די טיער פון
זייער שלאף-צימער און ס'איז אריינ-
געקומען א פרוי, וועלכע האט אין א
זעהר אויפגערעגטען טאן געפרעגט:

וואו איז אייער טאכטער?

יעקב משה און זיין פרוי זענען
זעהר דערשראקען געווארען, אבער ער
האט זיך געפאסט און געפרעגט:

ווער זענט איהר מאדאם?

איך בין די פרוי פון לעהרער אל-
פרעד, און איך מוז שוין זעהן אייער
טאכטער, די חצופה.

א ציטער איזביידע אדורך איבער'ן
גאנצען קערפער, אבער יעקב משה
האט זיך אלץ פעסט געהאלטען און
געזאגט מיט א הויכער שטימע:

ווי וואגט איהר צו בעליידיגען מיין
טאכטער? אייער מאן איז א לומפ, א
אויסוואורף, ער איז אונזער טאכטער
בעפאלען אין מיטען דער נאכט, און
איך וועל דאס נישט שענקען.

מיר קענען זיך אויף די יודישע
שפיצלעך—האט די פרוי נאך העכער
געשריגען—אייער טאכטער איז א גע-
מיינע נידערטרעכטיגע חצופה, זי האט
מיר אבגערעדט מיין מאן, מיט וועל-
כען איך לעב שוין 8 יאהר און האב
מיט איהם 2 קינדער. מיר האבען גע-
לעבט שטענדיג רוהיג און צופרידען,
איז געקומען אייער טאכטער און האט
זיין הארץ אוועקגעריסען פון מיר, איך
וויל איהר דאס נישט שענקען, איך
וויל איהר די אויגען אויסשטעכען, און
דאס פנים אויסדראפען, איך מוז זי
מאכען פאר א קאליקע, פאר א מיאוס-
קייט אז מיין מאן זאל אויף איהר
נישט וועלען קוקען, דערנאך וועל איך
דאס בעמעלדען אין דער פאליציי און
זי לאזען ארעסטירען.

(פארטז. קומט).

א"ש ירושלים.

א קליינער סך-הכל צום נייעם יאהר.

(סוף).

אויפ'ן געביעט פון לאנדווירטשאפטליכער קאלאניזאציע זעהען מיר יעצט א נייע ערשיינונג, וואס בעווייזט דעם שטארקען רצון פון אונזער ישוב זיך איינצווארצלען אינ'ם באדען פון לאנד. נישט נאר רייכע און פערמעגליכע יידען קומען ראטעווען זייער לעצט ביסעל פערמעגען דורך איגוועסטירונגען און פלאנצונגס-קאלאניזאציע—נאר אויך ארימע ארבייטער, וואס לעבען פון לוין פאר טאג-ארבייט האבען נאך גרויסע אנשטרענגונגען געפונען דעם ריכטיגען וועג, זיך צוצושלאגען צו אנ'אייגענער ווירטשאפט וואס זאל זיי מפרנס זיין בכבוד. אבשפארענדיג פון ארבייטס-לוין, ארבייטענדיג אויך אין זיין פרייער צייט, צומאל אויך בעקומענדיג קליינע אונטערשטיצונגען אדער הלוואות פון זיינע קרובים, ערווערבט ער זיך דער פלייסיגער יודישער ארבייטער אין דער סביבה פון די פלאנצונגס-קאלאניעס א ווירטשאפט פון 17 דונאס אויפ'ן באדען וואס ער בעקומט פון קרן-קימת, פון וועלכען ער פלאנצט 8 דונאס פרדס — און מיט דער צייט, נאך 6 יאהר שווערע ארבייט, קען ער ווערען א בעל-הבית פאר זיך און פערלאזען דעם ארבייטס-מארק, מאכענדיג פלאץ פאר אנדערע חלוצים. אזא ווירטשאפט וואלט פריהער בעדארפט קאסטען 800—1000 פונט, אבער דער ארבייטער בעגניגענט זיך בלויז מיט א סומע פון 125 פונט — אויב ער בעקומט דעם באדען פון קרן קימת —: 60 פונט פאר א דירה, 35 פונט פאר בעוואסערונג און 30 פונט פאר ארבייטס אינוועטאר. דעם רעשט דערגענצט ער מיט אייגענער ארבייט אין דער פרייער צייט און מיט אבגעשפארטע פרוטות פון זיין ארבייטס-לוין.

די דאזיגע נייע קאלאניזאציע בעגעגענט אבער א גרויסע שוועריגקייט וואס אויך דער שטארקער רצון און אייזערנע ענערגיע פון אונזער חלוץ קען זי ניט גובר זיין. אזא ווירטשאפט, וואס דער ארבייטער קאן זיך דערווערבען מיט'ן אבגעשפארטען ארבייטס-לוין און מיט אייגענער ארבייט אין דער פרייער צייט, מוז זיך נאטירליך געפונען אין דער סביבה פון די פלאנצונגס-קאלאניעס, וואו דער ארבייטער איז בעשעפטיגט. אבער דא איז דער באדען 4—5 מאהל טייערער ווי ערגיץ אנדערשוואו; 17 דונאס באדען דארפען קאסטען עטליכע הונדערט פונט, פון וועלכע דער לאנדווירטשאפטליכער ארבייטער קען בשום אופן נישט חלומ'ען, און מיט'ן שטארקסטען רצון וואלט ער נישט געקענט דערגרייכען זיין ציעל — וואלט איהם נישט געקומען צו הילף דער קרן קימת. דערפאר טאקי ביי דער איצטיגער צייט, ווען אויך די פריוואט איניציאטיווע האט זיך ארומגעזעהן, אז אין ארץ-ישראל איז פערהאן א גינסטיגער פלאץ פאר אונוועסטירונגען און פלאנצונגס-קאלאניזאציע, דוקא איצט האט דער קרן קימת א גרויסע אויפגאבע צו פערשטארקען און פערגרעסערען די יודישע קאלאניזאציע אין לאנד, און געבען אויך דעם יודישען ארבייטער די מעגליכקייט צו קומען, נאך א סך יאהרען פון מיה און ארבייט ביי אנדערע, צו אנ'אייגענער נחלה, און מאכען זיין ארבייטס-פלאץ פריי פאר נייע חלוצים. דער קרן קימת האט דערפאר די וויכטיגע אויפגאבע צו קויפען באדען אין דער סביבה פון די יודישע קאלאניעס אין האלטען איהם אלס א רעזערווע פאר דער קאלאניזאציע פון די יודישע ארבייטער וואס זענען בעשעפטיגט אין די דערמאנטע קאלאניעס. אויף היי-יאהר האט דער קרן קימת דערווארבען איבער 9.000 דונאס באדען. ס'רוב לעבען די אלטע קאלאניעס און דער דאזיגער באדען - רעזערוו איז בעשטימט פאר ארבייטער - פויערים, וואס ארבייטען מיט טאג-לוין אין די פלאנצונגס-קאלאניעס. דאס איז אויך געווען דער צוועק ביי דער פערטיילונג פון קרן קימת-באדען אין וואדי-חווארית, וואו עס איז אויך רעזערווירט געווארען א בעדייטענדער שטח פאר דער קאלאניזאציע פון מיטעלשטאנד.

ביים סוף פון תרצ"ב, דריי יאהר נאך דער כוואליע פון רציחות, האס און פאליטישע פערפאלגונגען, בעת דער גרויסער עקאנאמישער וועלט-קריזיס האט ליידער פערקלענערט די הכנסות פון די נאציאנאלע פאנדען, בעטראכטען מיר אונזערע פאזיציעס אין לאנד, און קומען צו דער איבערצייגונג: אונזערע פאזיציעס נישט בלויז זיי זענען נישט פערניכטעט געווארען, נאר זיי האבען זיך שטארק בעפעסטיגט און מיר הערען נישט אויף צו דערווערבען נייע פאזיציעס. דערפאר זענען מיר שטאלץ און מונטער און שרעקען זיך נישט פאר פאליטישע אויסערליכע בעדינגונגען, זייענדיג זיכער, אז אויב דער ווילען צו דערווערבען אונזער היים-לאנד וועט נישט שוואכער ווערען, אזוי וועט קיין שום כח אונז נישט קענען שטערען — וכל כלי יוצר עלינו לא יצלח.

כי מי אתה ההר הגדול לפני זרובבל למישור — זרובבל, דער בויער פון ארץ-ישראל, מוז שטארקער זיין פון אלע שטערונגען.

ב. וויינבערג.

אנ'אויסטערלישע סליחות-נאכט

פון מ. יאשטשעוויטשער.

דאס איז געווען אין יענע צייטען, אקארשט נאך דעם בעל-שמ'ס „התגלות".

די ערשטע, ביי וועמען אין הארץ עס האט אנגעהויבען ברענען א גרויסער פערלאנג צו „איהם" צו פאהרען, זענען געווען די צוויי בעוואוסטע ברידער גאונים ר' יצחק און ר' מאיר מרגלית, די זיהן פון בעריהמטען גאון ר' צבי מרגלית.

וואס האבען זיי אייגענטליך געוואלט דארט, וואס האט זיי אהינגעצויגען?

דאס האבען זיי אליין נישט געוואוסט.

איין זאך האבען זיי אבער געפיהלט, אז זיי מוזען אהין וואס גיכער פאהרען. זייער גאנצע אינערליכע וועלט איז פון דעם פערלאנג בעוועלטיגט געווארען.

ווען ר' מאיר מרגלית איז צום בעל-שם געקומען, האט ער מיטגענומען מיט זיך זיין יונגסטען זוהן שאול, וועלכער איז דאמאלס אלט געווען 7 יאהר.

דער קליינער יונגעל האט דעם בעל שם מיט זיין שיינקייט און מיט זיין זיסער און זאנפטער שטימעלע בעצויבערט. האט ער געבעטען ר' מאיר'ן ער זאל זיין קינד אויף א געוויסע צייט איבערלאזען אונטער זיין השגחה. דער פאטער האט מסכים געווען.

דער בעל-שם האט פון קינד געוואלדיג אנגעקוועלען און האט בעשלאסען צו מאכען א נסיעה מיט דעם קינד איבער'ן גאנצען געגענד, ווייזען אומעטום, וואס פאר א טייערע „כלי" עס וואקסט זיין קליינער תלמיד.

אויף דעם בעל-שם דערצעהלט די אגדה, אז ער איז געווען נאך פון זיין יוגענד א זעלטענער מנגן.

נאך אין די קינדער-יאהרען, ווען ער איז א בעהעלפער געווען ביי א מלמד פלעגט מען ווייט ארום הערען דאס געזאנג פון בעל-שם, ווען ער פלעגט די קינדער אין חדר פיהרען, ער האט די יודישע קינדער פון זיין שטאדט געוואלט געבען דאס, וואס זיי האבען אין חדר נישט געהאט—אביסעל חדות-החיים, אביסעל פרעהליכקייט זיי זאלען פערגעסען אויף א ווייליע, אז זיי זענען קליינע „קליינע יודען", אויף וועלכע עס דריקט א בארג פון שטענדיגע מורא, מורא פאר גאט, מורא פאר דעם טאטען, מורא פאר דעם רבי'ן און מורא פאר אלע רוחות און שדים, וואס לויערען אויף דעם מענשען אויף יעדען שריט און טריט.

ער האט געוואלט ער זאל אויף א ווייליע פערגעסען אן דעם ענגען, שטיקענדיגען חדר, זיי זאלען פערגעסען דעם בייזען רבי'ן.

פלעגט ער מיט התלהבות זינגען שעהנע ניגונים מיט די קינדער.

א גאנצער קוואל שירה האט זיך פון זיין הארץ ארויסגעריסען און האט געפונען זיין אבקלאנג אין די הערצלעך פון די קליינע קינדער. זיי פלעגען מיט איהם מיטזינגען און זייערע יונגע נשמה'לעך פלעגען דאמאלס פון לעבענסלוסטיגקייט און מונטערקייט איבערפולט ווערען.

„א גרויסע פרייד האט זיך דאמאלס איבער דער וועלט צוגאסן. דער נחת רוח, וואס דער געזאנג האט דעם רבונו של עולם פערשאפט איז געווען נישט קלענער פון דעם נחת-רוח, וואס ער פלעגט האבען פון געזאנג פון די לויים אין בית-המקדש.

איינמאל, עס איז געווען א שבת פאר ראש-השנה זענען זיך ווי זייער שטייגער איז, געקומען צו פאהרען קיין מעדזשעבוזש די צוויי ברידער-גאונים און נאך א סך תלמידים אויף די ימים-נוראים.

א גאנצען שבת האט זיי דער בעל-שם דערצעהלט פערשידענע מעשיות און משלים, וועלכע די תלמידים האבען תיכף אויפגעכאפט מיט א הייליגען ציטער און עס אויסגעטייטשט יעדער אויף זיין שטייגער.

עס איז געקומען צו שלוש סעודות, דער בעל-שם איז געזעסען אויבען-אן, ארום איהם חסידים און מקורבים האט דער בעל-שם געזאגט תורה.

באלד נאך מעריב האט דער בעל-שם מודיע געווען, אז „מיר פאהרען צו די זכור-ברית אין א ווייטער שטעטיל.

די תלמידים האבען זיך גע'חידוש'ט: וואס הייסט אוועקפאהרען פון מעזשעבוזש פון זכור-ברית. נאר געה, וויס, די פערהוילענע וועגען פון א צדיק.

א טויטע דרימעלדיגע נאכט, אלע ווייל'ע האט מען די אויגען געעפענט און אלעמאל צוריק איינגעזונקען אין דרימעלדיגען תהום. אקעגען א פאר שעה פון טאג האבען בעווייגטע וואלקענס בעלויכטען מיט רויטע עקען די שפיצען פון א הויכען קלויסטער פון ערגעץ א גרויסער שטאדט. פרעמדע וועגען האבען אהין ברוגז'דיג געפיהרט. דער פארטאגיגער נעבעל האט פערווישט אלע שפורען און פערשלונגען דעם וועג. מיטאמאל האט זיך בעוויזען א קליין-פרעהליך שטעדטיל, וואס איז פריהער געלעגען אן א זייט אין תהום. פערפיהרעריש האבען פון דארט ארויסגעקוקט א פאר פרעמדע בוימלעך, געקוקט פערחידוש'ט ווי שפעטענדיגע לצים. דאס ערשטע הויז וואו זיי זענען פערבייגעפאהרען איז געווען דער קלויסטער, וואס איז געשטאנען אין עק שטעדטיל, פון דארט נישט ווייט האט מען שוין געזעהן דעם בעלויכטענעם שטעדטעלשען שענק...

די תלמידים פון בעל-שם האבען זיך געשראקען, עס איז דאמאלס א חגא געווען. אין יענע צייטען איז א גרויסע סכנה געווען אריינצופאהרען ביינאכט אין א פרעמד שטעדטיל, וואו עס פלעגען זיך ארומדרעהען שיכור'ע גוים. זיי האבען מורא געהאט די פויערים זאלען זיי מיט שטיינער נישט פערווארפען. דער בעל-שם האט זיך אבער מיט זייער שרעק נישט גערעכענט און געהייסען צופאהרען דוקא צום שענק.

די פוהר האט זיך אבגעשטעלט. א ווייליע זענען זיי געזעסען. דורך די אפענע טהירען האט מען געהערט פרעהליכע מוזיק. דורך די פענסטער פון שענק האט מען געקענט זעהן פרעהליך - צעיושעטע פנים'ער, אנ'אלטער פויער האט אויף א פידעל געשפילט און די גויים מיט די גויעס האבען געטאנצט. צווישען די יעניגע, וואס האבען אנגעפולט די גרויסע שענק, האט מען געקענט זעהן אויך פון אחינו בני ישראל און אפילו עלטערע יודען מיט בערד און פיאות.

די תלמידים פון בעל שם האבען זיך פערחידושט, אזוי טיף געזונקען זענען שוין די יודען, אז מען הוליעט צוזאמען מיט די גויים און ווען נאך — אין א סליחות-נאכט.

דער בעל-שם האט גארנישט נישט געזאגט, האט געהייסען אלעמען אראבגעהן פון וואגען און מיט איהם צוזאמען אריינגעהן אין שענק. דעם קליינעם יונגעל האט דער בעל-שם אויך מיטגענומען.

אריין אין שענק, האט דער בעל-שם געהייסען געבען די פויערים בראנפען אויף זיין חשבון און האט זיך אנגעהויבען בעריהמען פאר זיי, אז ער האט מיט זיך א קליין יונגעל, וואס זינגט

חסידות און השכלה.

4.

וועגען דעם בע"שט'ס חסידות און נייעם חסידות.

ביי דער דאזיגער געלעגענהייט איז כדאי צו בעקענען די לעזער מיט די בעהויפטונגען און מיינונגען פון בעוואוסטען גלענצענדען העברעאישען שרייבער ש"י איש הורוויץ—בפרט וועגען זיין שטעלונג צו רא"צ צווייפלען און דעם מאדערנעם חסידות.

אין א ברייטער אבהאנדלונג וועגען חסידות און השכלה, וועלכע ער האט פערעפענטליכט אין דער העברעאישער צייטשריפט „העתיד" זאגט ער צווישען אנדערען: זייט צווייפעל האט פורץ גדר געווען און אנגעהויבען צו זיין דער פערטיידיגער און בעשיצער פונ'ם חסידות, וועלכע איז פערפאלגט געווארען דורך דער השכלה, האבען געוויסע פעראיינצעלטע משכילים נישט אויפגעהערט זיך צו בעטייליגען אין דער דאזיגער אפאלאגעטיק; פערשידענע שרייבער האבען „אויסגעזויגען פונ'ם פינגער" אונצעהליגע שטאנדפונקטען, אום צו דערקלערען די עקזיסטענץ-בערעכטיגונג פונ'ם חסידות. די רבנישע ליטעראטור — דאס איז דער אלגעמיינער טאן פון דער דאזיגער פערטיידיגונג— איז געווארען זעהר טרוקען און באלזאמירט; דאס לעבען לויט'ן תלמוד און שלחן ערוך איז געווארען אונערטרעגליך; די פערשידענע דקדוקי-עניות און חומרות פון די דינים און זייערע פערצווייגונגען, האבען געבראכט דעם יוד צו א גייסטיגער דערשלאגענהייט; עס איז צושטערט געווארען די לעבענס-פרייד, עס איז פערדונקעלט געווארען די ליכט פון דער יודישער וועלט און א טרויריגקייט און א מרה שחורה חאבען אלץ פערדעקט—און אט איז געקומען דאס חסידות און בעפרייט די געפיהלען פונ'ם יוד, וועלכע זענען געווען פערשפארט אין א פינסטערער תפיסה, דערוועקענדיג אין איהם די לעבענס-לוסט און עפנענדיג פאר איהם א נייע וועלט מיט א נייעם לעבענס-שטייגער, אין וועלכער עס איז נישטא קיין תלמודישער טרוקענער פלפול און נישט קיין דקדוקי-עניות פון פערוויקעלטע דינים, נור „צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה", עסען, טרינקען, טאנצען און פרייען זיך ווי מענשען. הקיצור—נייע האריזאנטען, נייע ריינע הימלען, א ניי לעבען און א פנים חדשות.

און אין דער לעצטער צייט, זייט פרץ און בערדיטשעווסקי האבען אנגעהויבען צו ענטפלעקען „חסידישע נשמה" פעריל פון איהר לעגענדעס-אוצר, איז דאס חסידות פערוואנדעלט געווארען אין א מין בעזונדערן „קולט", אין א מין געטליך ליכט, אזוי, אז עס איז זיך פשוט צו וואונדערן, דאס מענשען מיט אזא שארפער און סובטעלער הרגשה ווי: יוסף פערל, ר' נחמן קראכמאל, ש. י. ראפאפארט, י. ב. לעווינזאן און יצחק ערטער, וועלכע האבען געלעבט אין אויפבליה און גלאנץ-פעריאד פונ'ם חסידות און וועלכע האבען זי געקענט פון איהרע „ערשטע קוועלען", כמעט פנים אל פנים—אז אט די דאזיגע מענשען האבען נישט געזעהן און נישט דערקענט אין איהר די פערבארגענע ליכט און איהר שעהנעם איינפלוס אויפ'ן יודישען פאלק, נור זיי, די דאזיגע גרויסע יודען און מענשען האבען זי דוקא דערווייטערט און פעראונווירדיגט.

עס מוז דאריבער אנדערש נישט זיין, נור די „השכלה" דער ראציאנאליזם האט זיי פערבלענדעט די אויגען.

עס איז קיין צופאל נישט, אז דאס פערהערליכען און פערגעטערן פונ'ם חסידות האט זיך אנגעהויבען אין ז'ער העברעאישער ליטעראטור גלייכצייטיג מיט'ן פערענדיגען זיך פון דער השכלה תקופה. עס אונטערליגט קיין שום ספק נישט, אז די השכלה אין איהר אויפבליה-תקופה האט נישט געפונען איהר ריכטיגען וועג. זי האט גערופען: „הקיצה עמי" (וואך-אויף מיין פאלק), נישט וויסענדיג פארוואס און פארוועגן, פונקט ווי מיר האבען שפעטער געהערט דעם מאהן-רוף צום „לעבען" אויך אהן שום זין און טעם. צוזאמען מיט די „שעהנגייסטער", וועלכע האבען געלעכצט און געשטרעבט צו ליכט און בעפרייאונג פון די מיטעלאלטערליכע אבערגלויבענישען און פאראורטיילען פונ'ם פינסטערען געטא, צוזאמען מיט די גרויסע נשמות, וועלכע זענען מיעד געווארען צו שלעפען די לאסט פונ'ם יהדות אין זייער זומפף—די חרפה פון מאראלישען און גייסטיגען גלות מיט אלע זיינע שמערצליכע און ביטערע קאנסעקווענצען, צוזאמען מיט די דאזיגע איז אויך פונאנדערגעוואקסען א לעגיאן פון עמי-הארצים און פראסטאקעס, וועלכע האבען געוואלט געפונען אין דער השכלה א וועלט פון הפקרות און פריקת-עול. אויך צווישען די, וועלכע האבען געשריגען „מיר און זיי" זוכענדיג די לייכטענדע לעבענס-נשמה אין דער אלגעמיין - מענשליכער קולטור—אט די אלע האבען נישט געזוכט דאס, וואס עס פעהלט זיי באמת.

די דאזיגע אויפפאסונג, איז אבער אויך נור א ריין-משכילישע, ווארום אפעריערן מיט שכל'דיגע, ראציאנאליסטישע ארגומענטן ביים בעהאנדלען און בעטראכטען א בעוועגונג, וואס איהר חוט השדרה, איהר עצם-מהות איז הארץ, געפיהל—איז אונדענקבאר. צום חסידות דארפען מיר צוגעהן מיט א גאר אנדערן מאסשטאב.

ש. י. הורוויץ איז דער פערטרעטער פונ'ם מאדערנעם „מתנגדות". ער איז מבטל כעפרא דארעא דאס גאנצע חסידות, נישט נעהמענדיג לחלוטין אין בעטראכט איהרע פאזיטיווע זייטען, נור בלויז די שאטענדיגע, די נעגאטיווע, וועלכע זענען אונפערמיידליך ביי יעדער געזעלשאפטליכער און קולטור-בעוועגונג. די אמאליגע מתנגדים וואלטען געוויס אויך נישט אזוי הארטנעקיג געקעמפט געגען חסידות, ווען נישט די אמאליגע בעוועגונגען פון שבתי-צבי און יעקב פראנק, וועלכע זענען זיי נאך געווען פריש אין זכרון, זייענדיג חושד דאס חסידות אין די זעלבע כונות פון די אמאליגע פאלשע משיחים. נאכמעהר: דאס חסידות איז אין סאמע אנהויב פון איהר ענטשטעהונג געווען פולשטענדיג פערעמד פאר די רבנים. זיי האבען זיך נישט פערטיעפט אין איהר מהות, אין איהרע דרכים פון עבודת-הבורא און, דער עיקר, אין די סבות, וועלכע האבען זי ארויסגערופען.

נעהמענדיג דאס אין בעטראכט, איז קיין וואונדער נישט, אז די רבנים האבען אנגעהויבען צו פערפאלגען די ערשטע רביים און זייערע חסידים.

דאס חסידות האט אבער געזיעגט, ווארום עס איז געווען פשוט א נויטווענדיגקייט פאר'ן געטא - יודענטום, וואס האט געזוכט פערשידענע וועגען, ווי אזוי זיך צו בעפרייען פון לאסטענדיגען אינערליכען און אויסערליכען אונערטרעגליכען עול. זי איז ערשינען אויפ'ן האריזאנט פון יודישען לעבען ווי אנ'אויסלייזערין—און דאריבער האט דאס חסידות, אין געגענזאץ צום „מתנגדות" און דער השכלה געשלאגען וואס אמאל מעהר טיעפערע ווארצלען אין יודישען פאלקס-לעבען.

אויסגעצייכענט אלע זייערע לידער. איין וואונק פון בעל-שם, און דער יונגעל איז שוין געשטאנען גרייט צו זינגען, מיט די הענד אין די קעשענעס און צופלאסענע בעקלעך, איז ער געבליבען שטעהן א ווײלע אין מיטען פון שטוב, זיינע בלויע לעבעדיגע אויגען לויפען ארום אויף די ווענד, אויפ'ן מאדנעם עולם, אויפ'ן פידעל-שפילער. דערנאך אויף זיין רבין. אין שטוב איז אויף א ווייל שטיל געווארען, דער יונגעל האט אנגעהויבען זינגען א ליד מיט ווערטער, וואס קיינער האט נישט פערשטאנען, אפשר די עטליכע יודען... זיין זאנפטע דינע שטימעלע שיינט דורך די געדיכטע נעפעלדיגע לופט פון שטוב, טוט זיך א פלעכט אריין אין אנ'ארומיגען טומעל, פויערים מיט גאיעס לאזען זיך אוועק אין א ווילדען טאנץ, געטריבען פון די לעבעדיג-לוסטיגע טענער פון ניגון. און זעהט א וואונדער: דער דאזיגער ניגון, וואס האט פערמאגט אין זיך גענוג פרעהליכליכקייט, וואס האט געקענט מאכען הויבען די פיס צום טאנץ, דער זעלביגער ניגון האט געווארפען אנ'אומעט און א הארבע מרה-שחורה אויף די יודען...

בעקומען אזא אנרעגונג אין דער נשמה האבען די יודען גענומען גנביש זיך ארויסשלייכען פון שענק. מיט צוהיצטע פנימ'ער פון בושה און חרפה זענען זיי זיך איינציגווייז ארויס אין גאס. דער בעל-שם און די תלמודים, וועלכע זענען נאר אויף א ווײלע דארט פערבליבען, האט די פויערישע קינדער געטיילט פערשידענע מתנות און האט יעדען איינעמ'ס נאמען געפרעגט. די פויערים האבען איהם חבריש בעגלייט אויף דער גאס ארויס.

עס איז געווען א שעה צו טאג. דאס שטעדטיל וואכט שוין. דער בעל-שם און זיינע תלמידים האבען אויפגעזוכט די שול, וועלכע איז געשטאנען אין א זייט-געסעל, זיי האבען דארטען געפונען קוים א מנין יודען פון שטעדטעל פון 300 נפשות. דער בעל-שם האט געהייסען געהן דעם קינד צום עמוד.

יודען האבען זיך געשטעלט ביי זייערע שטענדערס. דער יונגעל איז צו צום עמוד, זיך געשטעלט אויף א בענקעל און אנגעהויבען זאגען „לך ד' הצדקה“. דער אומעטיגער סליחות-ניגון האט געצויגען ביי דער גשמה. עס האט זיך געדאכט: נישט ער אליין זינגט, גאר מיט איהם צוזאמען זינגען מיט אלץ, וואס ארום, ווי עס וואלטען זיך האבען דא פערזאמעלט נישט-זעהענדיגע כחות, וועלכע זינגען מיט איהם צוזאמען און כאר.

דער אומעטיגער ניגון ווי א קלאנג פון א גאלדענעם גלעקעל האט אויפגערודערט די גאנצע שטעדטעל. פון אלע עקען איילט זיך עולם מיט סליחות אין די הענד. דורך די ציטערדיגע האלב-אויסגעבראכענע שויבען פון בית-מדרש רייסט זיך דעם חזנ'ס קול אויפ'ן גאס ארויס. נאר פרעמדע פנימ'ער זעהט מען אנקומען. פון דער פינסטער פון עק גאס שווימט ארויס א גאנצע רייה יונגע מענשען. זיי געהען האסטיג, זייער שווערער אטעם הערט זיך פון ווייטענס, זיי איילען צום בית-מדרש, צום קוואל פון געשריי, וואס האט זיך פלוצים אויסגעבראכען פון הונדערטער מיילער. אריינקומענדיג אין בית-מדרש האבען זיי אנגעהויבען צו בלעטערען די סליחות ווי צוטומעלטע...

„שמע קולנו“ – הויבט אן דער חזן. דער עולם זאגט נאך פסוק ביי פסוק, נאר די הייטערדיגע ווערטער ווערען דערטרינקען אין א ים פון קולות.

שטיל קלאגט זיך דער ניגון פון חזן, וואס זעהט איצט אויס ווי א ווייגענדיגער קינד ביי דער מאמעס פארטוך, שטיל אהן טרעהרען, מיט פערטריקענטע ליפען, קנייטשט ער מיט אלע כחות א רחמנות'דיגען פנים.

געענדיגט דעם דאווענען איז דאס קינד געבליבען שטעהן א ווײלע, געקוקט דורכ'ן פענסטער מיט אזוינע שטילע טרויריגע בליקען, ווי דער שטערן, וואס האט זיך אויפ'ן הימעל בעוויזען.

נאכ'ן דאווענען איז דער בעל-שם צוגעגאנגען צום עמוד ארויפגעלעגט די האנד אויפ'ן קינד'ס קאפ און איהם געזאגט: זיי וויסען, אז דיין סליחות-זאגען האט געמאכט א גרויסען רושם למעלה, קיין יוד איז היינט נישט אוועק פון שול אהן א הרהור תשובה. איך בענש דיר מיט „לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך“...

דעם בעל שמ'ס ברכה איז מקוים געווארען. פון דאמאלס אן האט דאס קינד פון גאון ר' מאיר מרגלית אנגעהויבען איבער'ן גאנצען געגענד בעריהמט צו ווערען. אין א צייט ארום איז ער געווארען חזן אין רוסלאנד, בעוואוסט אונטער'ן נאמען קאשטאן. מען האט איהם אזוי גערופען צוליעב זיינע בלאנדע האר. דער דאזיגער ר' שאול קאשטאן איז געווען דער הויפט פון די קאשטאן-פאמיליעס, וועלכע האט אין משך פון עטליכע דורות ארויסגעגעבען גרויסע און בעריהמטע חזנים פון זיך. ר' שאול'ס זוהן איז געווען קאשטאן—וויינטרויב דער צווייטער, דער פאטער פון דעם דריטען קאשטאן, דער בעריהמטער קעניגסבערגער חזן.

פ. בלומענקראנץ.

דער ארבייטסלאָזער.

(סקיצע).

(סוף).

נאך שעה'דיגע ארומבלאנדזשעניש אין שטאדט איז עפשטיין אהיימגעקומען. זיין ווייב האט באלד בעמערקט אז ער איז עפיס נישט ווי תמיד.

– מארישו, וואס ביסטו עפיס אזוי דענערווירט? צי ביסטו נישט אין ארדנונג?

עפשטיין האט אוועקגעווארפען דעם קאפעלוש אויף א שטוהל און אנגעהויבען זיך דרעהען איבער'ן שטוב.

– מאריץ—האט דאס ווייב ווייטער געזאגט—פארוואס ענטפערסטו מיר נישט?

עפשטיין האט זיך אבגעשטעלט, אויסגעדרעהט צו איהר זיין פער'דאגה'ט פנים, מאכענדיג אין איהר זייט א נערוועזע בעוועגונג מיט דער האנד.

– נו, אז כ'וועל דיר זאגען וועט שוין גוט זיין, וועסטו מיר העלפען? אלזא בקרוב וועל איך שפאצירען מיט'ן שטעקעלע און קוקען אין הימעל אריין.

דאס ווייב, א „מאדאם“ מיט גרויסע פערלאנגען און קליינע מעגליכקייטען, וועלכע האט שטענדיג פון 20-טען אן אנגעהויבען נעמען אין די געוועלבער אויף קרעדיט—האט איהם לכתחילה אנגעקוקט, ווי ר'וואלט גערעדט פון דער היץ:

– מאריץ, וואס רעדסטו נארישקייטען? וואלדשטיין וועט דיר אבזאגען די פאסטען? די וועלט איז הפקר! א מענש ארבייט 15 יאהר און אין איינמאל נישט מיר, נישט דיר—געה פונוואנען דו ביזט געקומען. ניע, טא יעסט ניעמאזשליוויו!

– עך – איז מאוריצי געווארען אין כעס און אנגעהויבען בייזערן זיך אויף מאמע-לשון – א יודענע בלייבט יודענע. דו בעשטעהסט נישט, הא? וועסטו איהם פערקלאגען צום ונתנה תוקף.

– זאג נאר, וואס האסטו זיך אזוי צולאזט—האט זי אנגעפאנגען שרייען אויך אין יודיש—די „שטאטען“, וואס כ'האב ביז יעצט געטראגען, וועל איך נישט האבען. טענענבוים ארבייט און פערדינט מעהר פון דיר. צו גאנצע טעג זיצט דאס ווייב זיינס ביי די שניידערינס און מאכט איהר גארנישט אזאלכע לאסקעס, ווי דו מיר.

– וואס לאסקעס, ווען לאסקעס? – האט מאוריצי איהר געענטפערט מיט כעס – דו קריגסט דיך שוין מיט מיר בעצייטענס און כאפענדיג דעם קאפעלוש איז ער ארויס פון שטוב.

* * *

די דריי חדשים זענען אדורך. עפשטיין האט אויסגענוצט זיין גרויסע פראטעקציע, נור אהן ערפאלג. אין שטוב איז געווארען ערגער און ערגער. די קינדער האט מען ארויסגעהייסען פון דער שולע. זיי זענען אהיימגעקומען פערוויינט אנידערגעשטעלט זיך בייפ פענסטער פערטרויערט און בייז, אויסלאזענדיג זייער כעס צו דער מוטער און צום עסען.

דאס ווייב האט איהם יעדען טאג איינגעארדענט סצענעס:

– געוואלד און געשריגען. מיט וואלדשטיינען ענדיגט זיך שוין די וועלט? אלע זענען דאך נישט אויסגעשטארבען. מענשען קריגען, פאסטען און לעבען-לאבען און דא אני רוש. מ'האט ערשט נישט לאנג צוגענומען מענשען אין דער קופיעצקי באנק, ביי די ברידער פישער און וואו נאך אלץ און ער דרעהט זיך ארום ווי א נאר אויפ'ן מארק. א טאטע זעהט ווי קינדער לויפען ארום פוסט און פאסט און גארנישט—ניע מוימיעך...

עפשטיין האט אויף איהרע טענות גארנישט געענטפערט. און ווען זי האט איהם דערעסען מיט איהרע פרעטענסיעס, איז ער ארויס אין גאס, וואנדערענדיג גאנצע שעה'ן...

ער איז געווארען אבגעלאזט: א שטענדיג בעוואקסענער פלעגט ער ארומקריכען אין די גאסען אדער אין די ביוראען לויט די אדרעסען פון די קליינע צייטונגס מודעות.

אין שטוב האט מען אנגעהויבען אונטערהונגערן, מ'האט זיך געבארגט ביי די שכנים א ביסעל צוקער, א שטיקעל פוטער א. ז. וו. די שכנ'טעס האבען זיך אבער בעצייטענס מישב געווען. און בעת די עפשטיינען איז אריינגעקומען זיך עפיס בארגען האבען זיי געשוואוירען, אז דאס משרת האט פערגעסען דאס דאזיגע צו קויפען.

* * *

איך האב איהם לעצטענס בעגעגענט שפעט אין אוונד, שטעהענדיג ביי א שוי - פענסטער פון א רעסטאראן, אין וועלכען ס'האט געהאנגען אנ'אפיש וועגען א באקסען-מעטש, מיר האט זיך אויסגעדאכט, אז ער לייענט דעם אפיש. כ'בין צוגעגאנגען נעהנטער, כדי צו פערבינדען מיט איהם א שמועס און געוואויר ווערען וועגען זיין מצב. כ'האב איהם בכונה געפרעגט פון ווען ער אינטערעסירט זיך מיט ספארט.

ער האט קוים א בעמערקבארען שמייכעל געגעבען, געקוקט אויף מיר עטליכע סעקונדען און פלוצים א פרעג געטהון:

– וואס זאגט איהר? צי זענט איהר אויך אין דער זעלבער מיינונג, אז דער, וואס בעגעהט זעלבסטמארד איז אנארמאל?

כ'בין איבערראשט געווארען פון דער פלוצים'דיגער מאדנער פראגע, א משונה'דיגע אונהיימליכקייט האט מיך ארומגענומען. כ'האב איהם גארנישט געענטפערט.

איהם האט נישט געארט, וואס ער האט נישט בעקומען קיין תשובה און ווייטער גערעדט:

איך בין נישט אין דער מיינונג. איך טראג מיך שוין ארום מיט דעם געדאנק וואכען - לאנג און מיין מוח ארבייט דערביי קלאר.

ווען איך דערמאן זיך, אז די קינדער לעגען זיך שלאפען אהן עסען; ווען איך גיב מיר אב א חשבון פון מיין האפענונגסלאזער לאגע, ווער איך אזוי פערצווייפעלט, אז כ'וואלט געוואלט א סוף מאכען צו מיין גיהנום, ווארום יעדען טאג שטארב איך דאך אב פאר חרפה און ווייטאג. אבער, אבער אנ'עק מאכען קען איך נישט. שטענדיג שטעהען מיר די קינדער פאר די אויגען. כ'האב זיי נישט געגעבען קיין ערציהונג, זאלען זיי נאך טראגען א שאנדפלעק אויף זיך!

בעגעהן זעלבסטמארד איז א העלדענטהאט. מ'דארפט האבען מוט און זיין דערביי א גרויסער עגאאיסט, און דאס בין איך נישט.

אין דער צייט פון ארבייט, האב איך געהאט א סך בעקאנטע, וועלכע כ'האב געהאלטען פאר גוטע פריינד; היינט אבער זענען זיי פערשוואונדען, איבערלאזענדיג מיך ווי א קרעציגען. איך לאנגווייליגט זיי מיט מיינע זיפצען און דאגות...

גאנצע טעג לויף איך ארום וועגען ארבייט און אלע שפייזען מיך מיט הבטחות; דערווייל הונגערט מען אין בוכשטעבליכען זין פון ווארט. מ'הונגערט, נישט-האבענדיג די מינדעסטע אויסזיכט אויף בעסער.

כ'בין פיעל מאל מקנא די דרייסטע, וועלכע האבען דעם מוט א סוף צו מאכען צו דער גאנצער קאמעדיע, נור איך, ליידער, קען נישט.

אין זיינע אויגען האט זיך אבגעשפיגעלט אזויפיל פערצווייפלונג, אזויפיל צער, אז א ציטער איז מיר אדורכגעלאפען.

– אבער – האט ער זיך ווי דערמאנט – וואס קענט איהר מיר העלפען, עך...

ער האט מיך בחפזונ'דיג אבגעזעגענט, לאזענדיג מיך ביים אפיש וועגען באקסען-מעטש און ווייטער געשארט זיך איבער'ן לעדיגען טראטואר...

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

תכלה שנה.

היינט איז דער לעצטער טאג פון פערגאנגענעם יאהר.

נאך א יאהר אוועק און אנשטאט תרצ"ב וועט מען צוצעהלען נאך א איינסעל און עס וועט זיין תרצ"ג. און אויף אונזער קארג בינטעל יאהרען וועט צוקומען נאך איין יאהר. א יאהר מיט אנ'אונגעהויערע משא, וואס איז רייך מיט צרות, קריזיס, נויט, עקסמיסיעס אדג"ל.

א יאהר אוועק אין דער אייביגקייט און מיר מענשען, ברואים, וואס א יאהר צייט איז ביי אונז אנ'אייביגקייט גיבען זיך אויף א מינוט אב א דין וחשבון וועגען דעם פערגאנגענעם. מיר ציהען אונטער דעם סך הכל.

איך בין אין דער שטימונג דאס מאל צו רעזיגנירען פון מיין „וואס געהערט, וואס געזעהן“. צו וואס מישען זיך אין די מענשליכע מעשים פון א גאנץ יאהר. און די דאזיגע קליינליכע נידריגע טהאטען. איך פיהל זיך ערב ראש-השנה'דיג, די נשמה וויל רוה. נאר צוריקטראכטענדיג מוז מען אבער דאך – ווען מען וויל, אז די מעשים, וואס איך וועל טהון זאלען זיין בעסער ווי די פערגאנגענע מוז מען מאכען א בילאנס פון דעם געטהוענעם...

דעריבער האב איך טאקע אויפגעשריבען דאס קעפיל: „תכלה שנה“, אז אלץ וואס איך וועל דא היינט שרייבען און בעריהרען, פאר וועמען אנ'אנגעוועהטאגטער נישט אנגענעהמער „שטאך“, זאל עס געהערען צום אלטען יאהר...

הכנסת-אורחים.

איינע פון די גרעסטע מצות, וואס זענען פערהאנען אויף דער וועלט איז בלי ספק די מצוה פון הכנסת-אורחים, וואס האט גרויס געמאכט אונזער זיידען אברהם און איז צוליעב דער מצוה אנערקענט געווארען פון אלע פעלקער און אין אלע צייטען.

נאך ביז'ן היינטיגען טאג, ווען מענשען זענען פערזינקען אין פערזענליכע עגאאיסטישע דערגרייכונגען, קוקט מען אויף דער אויבענדערמאנטער מצוה מיט אכטונג און פערעהרען.

בעזונדערס האבען זיך מיט דער מצוה אויסגעצייכענט יודען און להבדיל רוסען, וועלכע האבען מיט א ברייט הארץ אויפגענומען אורחים, זיי מאכיל ומשקה געווען און אויך געגעבען אנ'ארט צום שלאפען.

געדענקען מיר דאך נאך ווי ביי יעדען יודישען בעל-הבית זענען פרייטאג צו-נאכטס און שבת בייטאג צו דער סעודה געזעסען אורחים ביים טיש און מען האט זיי אויפגענומען בסבר פנים יפות.

דאס איז אפער געווען אמאל, (אויסנאהמען זענען נאך היינט אויך דא), היינט האב איך אייך ליידער צו דערצעהלען א פאקט, וואס וועט ווארפען א טונקעלען פלעק אויף א טייל פון אחינו בני ישראל, וואס זינדיגען שטארק אונטער מיט דער דאזיגער אמאליגער אזוי געאכטעטער מצוה פון א ש"ל.

יענע וואך איז דאס געווען. פרייטאג פארנאכט איז געקומען קיין בלעשנא, הסמוכה לטשענסטאכאוו, א יוד א משולח, וועלכער האט געוואלט מהנה זיין די דארטיגע יודען מיט א שטיקעל דרוש און ביי דער געלעגענהייט זיך אויך פערשאפען א עמוד אויף ראש-השנה. איז ער אוועק אין „הויף“, כדי זיך צו פערשאפען א געלעגער און אויך מקיים זיין די שבת'דיגע סעודה'ס, נאר דארט האט ער בעקומען אנ'ענטפער, אז ליידער קען זיין פערלאנג נישט ערפולט ווערען, אפילו צו שלאפען איז דארט נישטא פאר א עובר דרך. איז ער אוועק צו א צווייטען יוד א געוויסען ט. און אויך דארט איז געווען פאר איהם די טיר פערשלאסען. דעם זעלבען פסק האט ער געהאט ביי א דריטען יודען א געוויסען צ. און דא ווערט דערווייל שבת, אט צינדט מען שוין ליכט, אויסער ער זאל האלטען שבת ביי א פויער פון דארף. האט ער זיך געלאזט לויפען קיין ראקוב און איז אנגעקומען אין דאזיגען מנין ווען מען האט שוין געהאלטען ביי קבלת שבת און ערשט דארט האט מען איהם דערקענט און אויפגענומען, פיין איהם מאכל ומשקה געווען, ביי אונזער בעקאנטען דאזאר ק. און צומארגענס האבען די ראקאווער יודען געלעקט די פינגער פון דעם משולח'ס דרשה.

די דאזיגע מעשה האט מיר דערצעהלט אנ'אנגעזעהענער בעל-הבית פון ראקאוו, וועמען איך גלויב דאס. און אויב אזוי איז דאך די קשיא, היתכן? בלעשנער יודען, צי זענט איהר אברהם אבינו'ס אייניקלעך, טא פארוואס זענט איהר נישט מקיים איינע פון די גרעסטע מצוות פון אייער זיידען, די מצוה פון הכנסת אורחים.

אנ'אייגענער פאָטער?

און נאך דערצעהלט מען מיר וועגען א טרויריגען פאקט, וואס איז ממש פשוט נישט צו פערשטעהן.

א היגער קצב, האט ביי זיינס א שוואגער געקויפט א בהמה און עטליכע שעפסען און איהם געגעבען האנדגעלד 50 זלאטעס. אזוי אבער ווי ער האט איהם נישט געהאט באלד צוצוגעבען דאס איבריגע געלד, האט ער געוואלט די סחורה צוריק. און ווען דער קצב האט געוואלט צוריק דאס האנד-געלד האט יענער געטהאט א טענה אז דאס געלד קומט איהם פאר אנ'אלטען חוב. דער קצב האט דערפאר פערהאלטען ביי זיך 4 שעפסען. איז דער סוחר אוועק אין פאליציי און געמאלדען, אז זיין שוואגער דער קצב האט איהם ארויסגעגנב'ט 4 שעפסען. די פאליציי האט פערשטאנען, אז דאס איז א מחלוקה, האט זי דעלעגירט א פאליציאנט, כדי ער זאל אויספארשען דעם ענין, און ווי ערשטוינט איז געווארען דער פאליציאנט, אז דער אייגענער פאטער פון דעם דערמאנטען קצב האט ערקלערט די פאליציי, אז זיין זוהן האט טאקע געגנב'ט די 4 שעפסען.

עס איז דאך זעלבסטפערשטענדליך, אז די פאליציי האט נישט געהאט קיין אנדערע ברירה און האט געמוזט מאכען א פראטאקאל פאר א גנבה, און אין קורצען וועט פארקומען א געריכט איבער דעם „גנב“, וואו דער אייגענער פאטער וועט זיין דער הויפט-עדות.

קומט דער זוהן דער קצב און בעקלאגט זיך פאר מיר, אויף זיין אייגענעם פאטער, וואס איז אזוי ליבענסווירדיג פאר זיין איידעם און אזוי אכזריות'דיג פאר אנ'אייגענעם זוהן.

איך האב אויסגעהערט די דאזיגע מעשה און האב געצויגען מיט די פלייצעס און געטראכט, זאל דאס טאקע אמת זיין, אויף אזא שטיקעל זאל פעהיג זיין אנ'אייגענער פאטער?!..

זיין גייסטיג חיות...

איך קאן א יודען, מיינס א „נאהנטער“ בעקאנטער, וועלכער שמט פאר א חסידישען יודען. רעדט איהר מיט איהם, וועט ער אין צוויי ווערטער אריינמישען דריי ווערטלעך פון מאמרי חז"ל און ביי יעדער געלעגענהייט וועט ער אייך מאכען פארוואורפען, פארוואס דו ביזט נישט אזוי פרום, ווי למשל דיין זיידע אדער פאטער.

דאס איז אלץ ווען עס האנדעלט זיך וועגען א זאך, וואס איז דיר נוגע, ווען עס האנדעלט זיך אבער וועגען זיינס א פראגע און ווער שמועסט ווען עס ריהרט אן זיינס א גראשען איז ער גרייט צו טהון דאס ערגסטע אבי זיינס צו דערגרייכען.

ער איז אזוי צו זאגען א סאדיסט, ער האט א הנאה ווען יענער צאפעלט זיך אין די יסורים וואס ער פערשאפט איהם.

דער דאזיגער צבועק האט א שטיקעל הויז אויף דער גארנצארסקע גאס, פייניגט ער זיינע לאקאטארען מיט אונמענשליכע אויסטראכטענישען, מעגסטו זיין ווי פונקטליך און רעיעל, ער וועט

אונזער ציעל און פראגראם

אויף די שפאלטען פון דער „טשענ־סטאכאווער צייטונג" האט דער שעף־רעדאקטאר ה' י. פ. געווידמעט אונ־זער בלאק פון אונפארטייאישע רעלי־גיעזע יודען פאר צוזאמענארבייט מיט דער רעגירונג א לייט־ארטיקעל אונ־טער'ן קעפיל „וואס ווילען זיי און וואס איז זייער אויפגאבע". אויספיה־רענדיג, אז אלע יודען זענען פאר דער יעצטיגער רעגירונג, שטעלט דער מחבר די פראגע צו וואס ווייטער די ספעציעלע ארגאניזאציע?

מיר זענען באמת צופרידען פון די אויפמערקזאמקייט, וואס עס האט אונז געשאנקען דער מחבר, מיר זענען אויך צופרידען פון א טייל אויספיהרונגען זיינע און מיר ווילען אויף דעם ארט געבען א געהעריגען ענטפער.

ערקלערונג פון רעד.: איצט געהט אין דעם דאזיגען ארטיקעל קודם־כל א זעהר ברייטע און לאנגע אויפקלע־רונג וועגען דער נויטווענדיגקייט פון א יודיש־אונפארטייאישען בלאק, וועל־כע מיר לאזען אדורך צוליעב פאל־גענדען:

אין אונזער ארטיקעל האבען מיר נישט גערעדט וועגען א רעליגיעזען אונפארטייאישען בלאק בכלל, ווייל עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז קיינער קען נישט זיין געגען דעם שאפען פון א אמת'ער אונפארטייאישער ארגאני־זאציע, און דעריבער איז די גאנצע אויפקלערונג נישט נויטיג, בעזונדער, ווי געזאגט, פארנעמט די דאזיגע אויפ־קלערונג אין דעם ארטיקעל א צו־גרוי־סען פלאץ פאר א וואכען־צייטונג. אין אונזער ארטיקעל האבען מיר נאר בע־ריהרט „די צוזאמענארבייט מיט דער רעגירונג", וואס דער דאזיגער בלאק האט געשטעלט אלס זיין אויפגאבע, וועלכע איז פאר אונז אונפארשטענד־ליך, ווייל מיר האלטען, אז אלע יודען אין פוילען זענען פאר דער יעצטיגער רעגירונג און קיינער איז נישט און קען נישט זיין אין אפאזיציע צו איהר, און טראץ דעם וואס אין דעם פרט ווערען מיר פון דעם „געהעריגען ענ־טפער" גארנישט געוואויר, און מיר ווילען זיך ביי געלעגענהייט צו דער זאך נאך אומקעהרען גיבען מיר ווארטליך נאר דעם לעצטען טייל פון ארטיקעל, וועלכער לויטעט:

דער זעלבער פראצעס פון פארטיי־רייסענישען, דיזעלבע פראצעדור פון אייגענניצען איז אויך פארגעקומען ביי אונז אין פוילען אינ'ם מלוכה־לעבען, איז דער געוועזען ביים רודער האט מען ארויסגעפיהרט פון לאנד דאס, איז א צווייטער געשטאנען ביים רודער האט מען אריינגעפיהרט עפיס אנדערש און איינער ווי דער צווייטער האבען כסדר שאדען געבראכט די אינטערעסען פון לאנד. אלס בעוויז קען דינען די דא־מאלס כסדר פאלענדע וואלוטע, ווייל אויסלאנד צוזעהענדיג ווי ווייט מען פערנאכלעסיגט די אינטערעסען פון לאנד, האט פערלוירען דעם צוטרוי, וואס האט געבראכט די כסדר'דיגע ירידה פון דער וואלוטע און ווער ווייס צו וואס פאר א פאלגען עס וואלט גע־ווען דערפיהרט.

צו אונזער גרויס גליק און צום גליק פון דער פוילישער זעלבסטשטענ־דיגקייט האט זיך אבער געפונען דער ענערגישער מארשאל פילסודסקי, ביי וועמען דאס פאטערלאנד איז א טייל פונ'ם בלוט, וואס פליסט אין זיינע אדערן, פאר וועלכען ער האט זיין לע־בען געאפפערט און האט געהאלטען א אויג אויף אט די פיהרונג און געדול־דיג אבגעווארט דעם ווייטערדיגען גאנג פון דער לאגע און אין דער לעצטער מינוט געגעבען א געשריי: קינדער, גענוג מיט אזא ווירטשאפט, ווייטער קען עס אזוי נישט געהן. עס האט זיך געשאפען דער אונפארטייאישער בלאק און די רעגירונג איז געווארען אוועק־געשטעלט אויף אנ'אונפארטייאישען פארום, וואס ארבייט נאר פאר דער טובה פונ'ם לאנד. אט־א די טובה פון לאנד איז זיין איינציגער און העכסטער אידעאל, אהן וועלכע ס'זאל נישט זיין אנדערע כוחות, מיר האבען אבסאלוט נישט געשאפען קיין נייע פארטיי ווייל שוין אויף דאס העכסט עקעלט פון די אזוי אויך שוין צו פיעלע פארטייען, מיר האבען נאר געשאפען א אונפאר־טייאישען בלאק און טאקי פאר צוזא־מענארבייט מיט דער רעגירונג, וועלכע איז אנ'אונפארטייאישע, און ווי שוין געזאגט נאר אויסען די טובה פונ'ם לאנד. מיר האבען לגמרי נישט בדעה זיך אבצושליסען אין א פארטייאיש קלייזעל, פשוט ווייל מיר זענען דאס נישט, מיר זענען אויסען די טובה פונ'ם כלל און פונ'ם לאנד, אונזערע טירען זענען אפען פאר יעדען פער־שטענדיגען מענש, וואס וויל מיטאר־בייטען מיט אט־א דעם געדאנק. דער פאראגראף 2 פון אונזער סטאטוט לוי־טעט גאנץ אויסדריקליך:

Stowarzyszenie ma na celu obronę praw religijnych, politycznych i ekonomicznych swoich członków w drodze porozumienia z Rządem Rzeczypospolitej.

מיר ווילען קיינעם נישט בעקעמפען, מיר מיינען נאר צו פיהרען אנ'אויפ־קלערונגס־פראפאגאנדע צווישען די רע־ליגיעזע מאסען פאר דער אונפארטיי־אישקייט און זאלען אלע קומען צו דער איבערצייגונג, אז דאס איז דער איינציגער וועג, וואס מיר קענען ער־ווארטען עפיס ממשות'דיגעס פאר דעם יודישען פאלק אין די ראהמען פון געזעץ, וואס איז גלייכצייטיג די טובה פונ'ם לאנד, ווארום אויב מען זאל נאכקומען געזעצמעסיג די יודישע פרא־גען דאכט זיך וועלען מיר אלע זיין צופרידען און מיטארבייטען מיט דער יעצטיגער רעגירונג. מיר זענען אין א געוויסער מאס צופרידען פון דער ער־קלערונג פון ה' י. פ., אז אלע יודישע בירגערליכע פארטייען זענען פאר דער יעצטיגער רעגירונג, הגם דער שריי־בער האט פאר אונז קיין נייעס נישט ענטדעקט, מיר האבען עס גאנץ גענוי געוואוסט און מיר זענען איבערצייגט, אז אזוי איז עס און נישט אנדערש, דאך זענען מיר צופרידען וואס די ערקלערונג קומט אין דער עפענטליכ־קייט על אפם ועל חמתם פון די, וואס ווילען עס פערלייקענען, אדרבה זאל עס טאקי אפען בעוויזען ווערען און אט־א דעריבער איז עס טאקי ווינ־שענסווערט, אז די יודישע רעליגיעזע מאסען זאלען זיך אין קאמפאקטע מא־סען דעקלארירען אינ'ם אונפארטייאי־שען בלאק פון רעליגיעזע יודען פאר צוזאמענארבייט מיט דער רעגירונג.

די פערוו. פון „אונפארטייאישען בלאק פון רעליגיעזע יודען צו דער צוזאמענארבייט מיט דער רעגירונג א.נ. „הסתדרות יהודים דתיים בלתי מפלגותים".

Kollontay z pralką JEST LEPSZE.... pierze, chroni, oszczędza

Przedst: I. LEWKOWICZ, Częstochowa, Narutowicza 19.

אונזער ענטפער.

אלס ענטפער אויף דער מיטטיילונג „אנשי עירך קודמים" וועלכע איז געווען פערעפענטליכט אין „טשענסטאכאווער צייטונג" № 39 פון 23 ה. ח. ערקלערען מיר פאלגענדעס:

עס איז נישט אמת, אז מיר וועקסלען אונזערע יודישע פערטרעטער אויף אנדערע.

עס איז אבער אמת, אז ע. גערשאנאוויטש האט אונזער פערטרעטונג פערלוירען צוליעב איהם און אונז בעוואוסטע סבות און אויף זיין ארט הא־בען מיר די פערטרעטונג איבערגעבען דעם ה' חיים זילבערשפיץ.

עס איז אונטאקטיש פון א געוויזענעם פערטרעטער, וועלכער בעמיהט זיך נאך אויף ווייטער די פערטרעטונג פון אונז צו בעקומען, מיט אזאלכע שמוציגע בלבולים מינדערווערטיגע סחורות צו רעקלאמירען.

עס איז איבריג צו דערצעהלען, אז כמעט אלע אונזערע פערטרעטונ־גען געפונען זיך אין יודישע הענד.

עס איז אנ'אלטער כלל, אז אונזערע ערשטקלאסיגע פפלאנצען־פוטער ווערען אויסגעארבייט אונטער דער שטרענגסטער השגחה פון די רבנים גאו־נים הרב פרענקעל, סקאווינא און הרב סעגאלאוויטש, דאנציג, איז אנגענומען אין אלע יודישע הייזער אלס די איינציגע און בעסטע פוטער.

פאר די פערעפענטליכטע רכילות האבען מיר אויפגעפאדערט דעם ה' ע. גערשאנאוויטש אונז א ערקלערונג צו געבען ביז א טערמין אין געגענפאל וועלען מיר דערפון ציהען די ווייטגעהענדסטע קאנסעקווענצען,

מיט דרך־ארץ

„MARGA" Tow. Handl. sp. z o. o. Warszawa.

צו מיינע געערטע קונדשאפט!

דערמיט בין איך מודיע, דאס אנהויבענדיג פון 1 סעפטעמבער ד. י. איז ליקווידירט געווארען אונזער שותפות־געשעפט, וועלכעס ווערט אבער ווייטער געפיהרט אונטער דער פירמע

M. A. LASTMAN, Aleja № 5

צום ווינטער־סעזאן איז מיין לאגער פערזעהן מיט א גרויסען אויסוואהל פון אלערליי מאדערנסטע שטאפען פאר מענער און דאמען פון די בעסטע קוואליטעטען.

אלעס צו פאבריקס = פרייזען.

נעמענדיג אין אכט מיינע פאך־קענטנישען און רעיעלע בעהאנדלונג זינט איינינגע 20 יאהר האף איך דאס די ג' קונדשאפט וועט מיך ווייטער בעעהרען מיט זייער צוטרוי.

מיט אכטונג

M. A. LASTMAN, I-sza ALEJA № 5

skład towarów manufakturnych.

בעמערקונג: אויך בעזיצען מיר א גרויסען אויסוואהל פון אלערליי סחורות אויף קינדער אנצוגלעך און פאלטענדלעך צו שפאט ביליגע פרייזען.

SKŁAD FUTER MAURYCY KORNBERG PANNY MARJI 6, I piętro, tel 259

איז פערזעהען צום קומענדען סעזאן 1932/33 אין א גרויסען אוסוואהל פון פערשיעדענער פוטער'ס ווי: פעל, בלאמען, ליסען א. ד. ג.

אויף'ס לאגער פערטיגע פוטערנע מארינארקעס

לויט די לעצטע פאריזער מאדעלען.

זעהר ביליגע פרייזען. זעהר ביליגע פרייזען.

דאס מאנופאקטור־געשעפט

פון י. פשעראווסקי

וועלכע עגזיסטירט פון 1902 איז איבערגעטראגען געווארען אויף דער

1 אלעע № 11

און איז פערזעהען מיט אלערליי מאנופאקטור־סחורות ווי:

טאמאשאווער, ביליצער און זגיערזשער

פון די בעסטע פאבריקאנטען און ביליגע פרייזען.

מיינע קונדען, וועלכע קאנען מיך נאך פון דער פירמע לאסטמאן און פשע־ראווסקי, וועלען האפענטליך נאך מיין איבעררייסען דאס שותפות, ווייטער מיך בעזוכען, וואו זיי וועלען חעכסט צופרידען זיין.

איך לאדען דעריבער איין מיינע קונדען זייערע איינקויפען צו מא..ען אין מיין געשעפט.

מיט אכטונג עזריאל פשעראווסקי, אלעע 11.

שוין אויסגעפונען ווי אזוי דיך צו מא־טערען און דער עיקר צו געהן מיט דיר אין געריכט. סאנדעס דאס איז זיין לעבען, זיין גייסטיגער קיום, אז ער הערט א סאנד ווערט ער אויפגעלעבט, בעקומען זיינע אויסגעלאשענע אויגען א גלאנץ און אלץ ביי איהם ווערט אויפגעלעבט.

צו הילף האט ער זיין טאכטער א בוגרת, וועלכע איז מסתמא אין כעס, וואס צו עטליכע דרייסיג יאהר איז זי נאך א פנינה, איז זי זיך נוקם אין מענשען און וויל זיך באדען אין זייער בלוט.

דעם פערגאנגענעם שבת איז דאס געווען. מיר האבען פארמיטאג שפא־צירט אין דער אלעע, געהט זיך אדורך דער בר־נש מיט זיין לאנגער קאפאטע, ארומגעבינדען די באק, מיט א פער־שמאלצען היטעל אויפ'ן קאפ און מאר־שירט ארויף איף דער דריטער אלעע.

איך האב מיטגענומען מיינע קאלע־גען און מיר האבען איהם נאכגעצוי־גען, מיר זענען געווען נייגעריג צו וויסען וואס פאר א געשעפטען ערלע־דיגט אזא פערשוין שבת נאכ'ן דאוו־נען.

און אט וואס מיר האבען געזעהן:

קודם־כל איז ער אוועק אין דער קאנצעלאריע פון געריכט און דארט זיך געזוימט אנ'ערך פון א האלבע שעה, דאן איז ער אוועק אויף דער דאמבראווסקי גאס, ווידער דארט אריין אין א אוושאנד, דאן איז ער אוועק צו אג'אדוואקאט און ווידער אין געריכט ביז עס איז געווארען 2 א זייגער און ער איז זיך אוועק עסען דאס שבת'די־גע טשאלענט און זיך גענינגען ברייט דאס זמירות און פערגלאצט די אויגען צום הימעל און געשאלטען די מחלל־שבת'ניקעס, וואס פיהרען זיך נישט אזוי פרום ווי זייערע עלטערן...

איי, ר' ה. אייער פאטער ר' פ., וועלכער איז געווען דער גרויסער יוד און פיינער איידעלער מענש איז דאך נישט געווען אזא חיה ווי איהר און שבת האט ער נישט ערלעדיגט אין די סאנדעס און ביי די אדוואקאטען, כדי מענשען צו טהון בייז, איז אבער דער תירוץ, אז דער דאזיגער צבועק, גע־פונט זיין גייסטיג חיות אין די דאזיגע מעשים.

יא, גאט! דו פערמאגסט אין דיין זאאלאגישען גארטען וואזשנע מיני חיות.

„עניני בית הכנסת"...

מיט א קורצער צייט צוריק האט זיך אויף די שפאלטען פון דער היגער יו־דישער פרעסע געדריקט ארטיקלען פון א געוויסען ה' ש. אונטער'ן קעפיל: „עניני בית הכנסת", וואו דער מחבר האט מסביר געווען דעם ענין פון דער היגער סינאגאגע, וואס פאר א גרויסע בעדייטונג דאס האט פאר'ן כלל־ישראל און די כנסת ישראל דארף מיט אלע כחות אונטערשטיצען די איינציגע וויכ־טיגע אינסטיטוציע, דעם בית־הכנסת החדש.

נישט לאנג איז אבער אוועק און ווי מען אינפארמירט מיך, טרעט דער־זעלבער ה' ש. ארויס געגען דערזעל־בער בית הכנסת און ארדענט איין אויף די ימים־נוראים א פריוואטע „בית הכנסת" וואו ער ווערבירט מיטגלידער און ער וועט זיין פון די ערשטע מת־פללים. פארוואס דאס איז, ווייס איך נישט און מסתמא ווייסט איהר אויך נישט. וואלט אפשר געווען א יושר, אז דערזעלבער ה' ש. זאל דאס דא־זיגע אויפקלערען, ווארום מיר האבען געלעזען די ערשטע ארטיקלען און האבען איהם געפאלגט, מיר האבען מחזק געווען דעם בית הכנסת החדש און איצט, אויב ער טרעט ארויס גע־גען דעם בית־הכנסת, וואלט נישט גע־שאדט, אז ער זאל אבדרוקען ארטיק־לען אנדערע, וואו עס זאל אונז קלאר ווערען, פארוואס דער ענין בית־הכנסת איז קאליע געווארען...

נישט אין ארדנונג.

איך וויל נישט זאגען א פאטער קיין מוסר דערפאר, ווייל ער מוסר'ט זיין זוהן און לאזט איהם נישט נעמען קיין אנטייל אין די ספארט - מעטשען, ווייל איך בין נישט בערופען צו זאגען דעם פאטער א דעה וועגען דער אויפ־פיהרונג פון זיין זוהן, אבער אזוי זיך אביסעל דורכשמועסען מיט א פאטער, א „פאנאטישען" פאטער וועגען דעם ענין. מאכט נישט אויס.

ספארט איז היינט נישט קיין שגצ'־דיגע זאך, נאר א לעבענס־נויטווענדיג־קייט און ווען אלע פעלקער כאפען זיך ארום מיט ספארט דארפען יודען אודאי זיין די ערשטע. אונזער גוף איז אב־געשוואכט, דארף מען איהם פלעגען, שטארק מאכען און וואס שטארקער אונ־זער יוגענד וועט זיין, אלץ וויניגער וועלען מיר מורא האבען פאר די גרינ־בענדעלדיגע און די היטלערס.

יענע וואך שבת איז דאס געווען, דער י. ט. ס. פ. האט געהאט א מעטש מיט דער „וויקטאריא", האט איין ספארטלער א פעהיגער און וועלכער איז דער בעסטער געוואלט אוועק אויפ'ן מעטש און זיי זענען זיכער, אז זיי וואלטען דעם מעטש א דאנק דעם יונגען ספארטלער געווינען, איז אבער געווען די צרה, וואס דער פאטער פון דעם ספארטלער, גראד א פארטגעשרי־טענער מענש, האט זיין זוהן בשום אופן נישט געלאזט געהן צום מעטש און עס האט נישט געהאלפען קיין תחנונים, ער איז צום מעטש נישט גע־קומען און אפשר צוליעב דעם האבען די יודען פערשפילט, אמת אין צאהל פון סך־הכל 5 פונקטען, אבער ווען יע־נער קומט וואלטען זיי דאך בעשטימט געווינען.

ענטשולדיגט פאר מיין מוסר זאגען (דאך זיך ארויסגעכאפט מיט א פאר־ציע מוסר...) אבער עס איז נישט אין ארדנונג.

ער וויל זיך פערזארגען.

ווי איך האב אייך שוין דערצעהלט וועט דאס היגע שטאדטישע טעאטער אנהויבען צו שפילען פונ'ם ערשטען קינפטיגען חודש. און אז דער נייער דירעקטאר האט זיך אויסגערעדט, אז דער זאל טאר נישט פערדינגען ווערען אויף קיין יודישע אימפרעזעס, נאר ער וויל, אז אלע יודען זאלען בעפרי־דיגען זייערע קולטורעלע בעדערפנישען מיט זיין גייסטיגער שפייז.

כדי זיך אבער צו פערזיכערן מיט'ן ביסעל יודען, האט די וואך א היגער געזעלשאפטליכער טהוער בעקומען א בריעף פון אנ'ארטיסטין, וואס שפילט אין דער טרופע, אין וועלכען זי בעט, אז ווען דער דירעקטאר וועט דא אהער־קומען זאל מען איהם אויפנעהמען און איהם פארשטעלען פאר דער יודישער געזעלשאפט און אז ער פערדינט די סימפאטיע פון יודישען פובליקום און אלס סאטיספאקציע וועט ער אויך אין דער צוקונפט אויפפיהרען איינע פון פרץ'ס זאכען, געוועהנליך אין דער פוילישער שפראך.

דער געזעלשאפטליכער כלל־טהוער געהער אבער נישט צו די „פויל־זשיד־קעס", נאר איז א שטאלצער יוד און האט נעענטפערט כהאי לשנא: אז אויב עס איז אמת, אז איהר ה' דירעקטאר האט איינגעשריבען אין אייער קאנ־טראקט, אז קיין יודישע אימפרעזעס וועלען אין טשענסטאכאוו נישט טארען איינגעארדענט ווערען, וועט איהר מצד דער יודישער בעפעלקערונג קיין גרויס סימפאטיע נישט האבען.

אמת, א שטאלצער און ווירדיגער ענטפער, עס איז אבער כאראקטעריס־טיש, אז דער דירעקטאר וויל זיך מיט די יודעלעך בעצייטענס פערזארגען.

תחל שנה.

זייט מוחל רבותי, אז אויב איך האב אייך אביסעל אראבגעריסען דעם שלייער און אויפגעדעקט אביסעל „נא־רישע" חטאים, זאל עס געהערען צום אלטען יאהר און זאל זיך איצט אנהוי־בען א ניי יאהר, וואו די נארישע און זיגדיגע מעשים זאלען פערשווינדען ווערען, ותשליך במצילות ים און זאלען אריינפאלען אין די טיעפענישען פון ים.

אלע, מיינע גוטע פריינד, ווי אויך שונאים (אייגענטליך פארוואס האב איך שונאים), אלע, דעם גאנצען כלל ישראל ווינש איך, אז מיט'ן נייעם יאהר זאל זיך אנהויבען א ניי, שענער לעבען.

לויתן

דער בעוואוסטער טאַפּיצירער
א. אַרבאַך, אַלעע 7

מאכט בעקאנט, אז אין זיין ווערקשטאַט ווערט אויסגעפּערטיגט אַלערליי טאַפּיצירער-אַרבייט ווי:

מאטעראַצען, קאַזעטקעס, טאַפּטשאַנען, דעמבאָווע שטוהל א. ד. ג.

אויך נעם איך אָן אַלערליי דעקאָראַציעס ווי:

גאַרדינען צו פערלייגען און צו שפּאַנען אַלעס צו זעהר נידריגע פּרייזען.

גערענקט די אדרעס: אַלעע נר. 7.

וויכטיג פאַר סוחרים, פאַבריקאַנטען און קלייןהענדלער

דער בעוואוסטער דורך זיינער לאַנגיעריגער פּראַקטיק אין אַלע האַנדעלס-צווייגען אַלס

בוכהאַלטער=בילאַנסיסט

N. LANDAU,

נעמט אָן איינצואָרדנען ווי אויך צו פיהרען האַנדעלס-ביכער, מאכט יעהרליכע בילאַנסען, ברענגט אין אָרדנונג פערנאכלעסיגטע האַנדעלס-ביכער א. ד. ג.

——— צו זעהר גינסטיגע בעדינגונגען. ———

וועגען גענויערע אָנפראַגען און אינפאָרמאַציעס זיך צו ווענדען בריעפליך אדער פערזעהנליך צו:

נ. לאַנדוי, אַלעע 8, 2-טער טויער, 1-טער שטאָק.

הורט! די לאַנגיעהריגע פירמע דעטייל!

שאַרף און וולאַדאָווסקי

אַגראַדאָווע 10, עגז. נאָך פאַר'ן קריעג

בעזיצט אויף לאַגער און קאָמיסיאָן

ארץ=ישראל=אתרוגים,

פאַרגאַ און באַמאַרא=אתרוגים

ווי אויך **לולבים און הדסים.**

רעיעלע בעהאַנדלונג! גוטע בעדינגונגען!

שטיצט דעם צייכען-פערקויף פון „טאָז“.

היינט, פרייטאַג ערב ראש-השנה קומט פאַר א צייכען - פערקויף לטובת דעם „טאָז“.

עס איז איבריג נאָכאַמאָל אויסצורעכנען, וואס דער „טאָז“ טהוט פאַר דעם געזונד פון די ברייטע יודישע מאסען און ספּעציעל פאַר'ן יודישען קינד.

דער „טאָז“ האט אָבער שטאַרק געליטען פונ'ם ווירטשאַפטליכען קריזיס און ווסט זיך קענען דערהאַלטען נאָר אויב די קרייזען פון דער יודישער געזעלשאַפט וועלען איהם ווי געהעריג אונטערשטיצען.

פון אַקאַדעמישען קרייז.

דער קרייז פון די יודישע אַקאַדעמיקער אין טשענסטאַכאָוו פיהרט אַנ' אינטענסיווע טעטיגקייט.

פון צייט צו צייט ווערען איינגעאָרדענט רעפעראַטען אויף פערשידענע אַקטועלע טעמעס, ווי אויך קולטור-פּראַגען.

דעם צווייטען שבת אָרדענט איין דער קרייז א קאָנצערט אין זאַל פון די פיירלעשער פון דער בעקאַנטער קינסטלערין וואַנדא קאַפּעצקאַ,

די גאַנצע הכנסה איז בעשטימט פאַר דעם אַקאַדעמיקער-קרייז.

דער אויספלוג קיין וואַרשע.

די יודישע געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטשאַפט אָרדענט איין די ערשטע 2 טעג חול-המועד, ד"ה דעם 17 און 18 אָקטאָבער, א אויספלוג קיין וואַרשע.

גענויע אינפאָרמאַציעס טיילט מיט דער סעקרעטאַריאַט יעדען טאָג פון האַלב 9 ביז האַלב 10 אין אָוונד.

נייער זעלבסטמאָרד-פּרוב.

פערגאַנגענעם מיטוואָך איז ביים ה' פייגע, ווילסאָנאַ 18, בעגאַנגען זיין דיענסט מאַריאַ זאַסענפּאַ זעלבסמאָרד, אויסטרינקענדיג א בעדייטענדע דאָזע זאַלץ-זיירע, וועלכע זי האָט בעקומען צו רייניגען דעם מאַגען.

אין א שווערען צושטאַנד האָט מען זי איבערגעפיהרט אין שפּיטאַל.

דער סטאַראָסטע פאָדערט אויף די אַלטע קהלה צו מאכען דעם בודזשעט פאַר'ן יאָהר 1933

מיטוואָך האָט די קהלה דערהאַלטען אַנ'אויפפאָדערונג פון סטאַראָסטוואָ אַז ביז'ן 1 אָקטאָבער זאָל דער אויפזיכט-מאכט צוגעשטעלט ווערען דער קהלה-בודזשעט פאַר'ן קינפטיגען יאָהר 1933.

די אויפפאָדערונג ערהאַלט אַ דראָהונג, אַז פאַר נישט צופאַסען זיך צו דעם וועלען אַרויסגעצויגען ווערען די געהעריגע קאָנסעקווענצען.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט פּרעזעס ה' גאָלדשטיין גערופען אויף נעכטען אַ זיצונג פון דער אַלטער קהלה-פערוואַלטונג, כדי צו בעטראַכטען דעם בודזשעט.

ווי אַזוי דער בודזשעט קען צונויפגעשטעלט ווערען איז משך פון 2 טעג בלייבט א פראַגע, ספּעציעל צוליעב דעם, וואס אינ'ם זעלבען בריעף פון סטאַראָסטווע ווערט געזאָגט, אַז דער עטאַט זאָל צוזאַמענגעשטעלט ווערען לויט'ן נייעם געזעץ, וואס פערלאַנגט זעהר פיעל צייט.

פון ספּאָרט.

וויקטאָריאַ — י. ט. ס. פּ. 69:74.

דער לייכטאַטלעטישער רעוואַנזשמעטש צווישען די אויבנדערמאַנטע צוויי קלובען האָט זיך פערענדיגט מיט א זעהר ווערטפולען רעזולטאַט פאַר'ן יודישען טורן-און ספּאָרט-פעראיין. דער אונטערשיד פון 5 פונקטען, ווען מען וועט נעמען אין אכט, אין וואָס פאַר א בעדינגונגען עס טרעניר‏ען די מיטגלידער פון י. ט. ס. פּ. און 13 פונקטען איבערמאַכט פון וויקטאָריאַ ביים פוירי‏גען מעטש, בעווייזען דייטליך די קאָלאָסאַלע פאָרטשריט, וועלכע עס מאַכען די מיטגלידער פון י. ט. ס. פּ. די דאַמען פון י. ט. ס. פּ., וועלכע האָבען דאָס פויריגע מאָל פערשפּיעלט מיט א אונטערשיד פון 8 פונקטען, האָבען דאָס מאָל געזיעגט מיט דעם אונטערשיד פון 9 פונקטען.

די רעזולטאַטען זענען פאָלגענדע:

דאַמען: 100 מעטער-לויף 1) סוכעצקאַ 13.4, 2) נירענבערג 13.8; 800 מ. 1) נירענבערג 2.49, 2) שלעזינגער 3.03, סוכעצקאַ איז דיסקוואַליפיצירט געוואָרען פאַר פערקירצען דעם וועג און סאָסנאָווסקאַ איז נישט אָנגעקומען צום ציעל.

ווייט-שפּרונג 1) נירענבערג 3.79, 2) סוכעצקאַ 3.79, די רעזולטאַטען זענען נישט בעזונדער גוט צוליעב דעם שטאַרקען געגען ווינד; הויך-שפּרונג 1) טשאַרנאַ (י.ט.ס.פּ.) 1.23 מ., 2) פאַזוועקובנאַ 1.18; קויל-וואַרפען 1) סאָסנאָווסקאַ 7.98, 2) שטייער 7.40 מ.; דיסק - וואַרפען 1) קאָרנבראָט 21.70 מ., 2) שטייער 21.22; שטאַפּעטען - לויף 1) וויקטאָריאַ, 2) י.ט.ס.פּ. (רעזערוו.)

מענער: 100 מ. 1) שמאַראַגד 11.7, 2) צענקיערט; 800 מ. 1) שעווטשיק 2.20.2; 3000 מ. 1) מאַשטשיק 10.19.6, 2) כוואַט 10.35; הויך-שפּרונג 1) שמאַראַגד 1.57 מ., 2) מאַרקיעוויטש 1.52; ווייט-שפּרונג 1) צענקיערט 5.48.5 מ.; קויל-וואַרף 1) גודין 9.06.5, 2) שמאַראַגד 9.00 מ.; דיסק-וואַרפען 1) טשערפּיאַלאָווסקי 31.95, 2) שמאַראַגד 26.05; שטאַפּעטען - לויף 1) וויקטאָריאַ, 2) י. ט. ס. פּ.

עס איז ווערט צו בעמערקען, אַז אין די יודישע מייסטערשאַפטען פון פּוילען, וועלכע זענען פאָרגעקומען דעם פערגאַנגענעם שבת און זונטאָג אין לעמבערג, וואו דער י.ט.ס.פּ. האָט נישט אנטייל גענומען צוליעב מאַנגעל אין פינאַנציעלע מיטלען, האָט די זיגערין אין 800 מעטער-לויף פון וואַרשאָווער „מכבי“ דערגרייכט די צייט פון 2.58, וואָס איז ערגער פון פּרל. נירענבערג'ס רעזולטאַט מיט 10 סעקונדען.

PROSZEK DO PIECZENIA

LILIPUT

SAM PIECZE!

Chcesz uniknąć kryzysu kupuj wyroby krajowe firmy „Liliput“ są lepsze.

Wytwórnia trykotaży

Z. GLIKSMAN

B. Joselewicza 4

דאַמען=סוועטערס

מענער = פולאָווערען

קינדער - פולאָווערקעס, רייטוזען

פון די פיינסטע וואָלען

רעיעלע בעהאַנדלונג

נעמט אָן בעשטעלונגען.

PROSZEK OD BÓLU GŁOWY DLA DOROSŁYCH

„KOWALSKINA“

USUWA NAJSILNIEJSZE

BÓLE GŁOWY

FABRYKA CHEM.-FARMACEUTYCZNA
„AP. KOWALSKI“ WARSZAWA

ŻĄDAJCIE „KOWALSKINY“ ZE ZNAKIEM FABRYCZNYM – SERCE W PIERŚCIENIU

A·K· ZNAK FABR.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פאַמיליע באַבראָווסקי צוליעב דעם פריהצייטיגען טויט פון זייער פרוי און מוטער

נ"ע **מרים באַבראָווסקי**

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

חיים נאַכטיגאַל
יעקב ראָזענבערג.

עס ווערט אָנגענומען צו שטיקען מערעשקע, אָקרענטקע, דזיערגאַניע, פּליסירען, גאַרדינען צו שפּאַנען. ☛ ביליגע פרייזען

M. ZANDBERG, 2-ga Aleja № 19.

„Grand-Kino“

קאָשטשושקי גאַס.

לעצטער סעאַנס 9.40 אָוו.

קרזעסלאָ 1 זלאָטי.

די לעצטע טעג פון דעם גרויסען וועלט-פילם! דראַמע, מעכטיגער ווי דאָס לעבען!

BEN HUR

אין דער הויפּט-ראָל: **ראַמאָן נאָוואַראָ** וואס האָט מיט זיין קרעאַציע איבערגעשטיגען אַלע ערוואַרטונגען. ביז'ן אָנהויב פון סעאַנס 80 גר.

Teatr „ODEON“

אַלעע 27.

לעצטער סעאַנס 10 אָוונד.

אויפ'ן 1 סעאַנס קרזעסלאָ 80 גר.

דער בעריהמטער וועלט-פילם! דער גענ‏יאַלער **איוואַן מאָזשוכין** אין זיין היי-יעהריגען קונסטווערק

SIERŻANT X

דראַמאַ פון א מענש, וואס איז פאַר דער וועלט געשטאָרבען, נאָר געלעבט אין פרעמדען-לעגיאָן פאַר זיך און זיין ליעבע.

הויפּט-ראָלען! איוואַן מאָזשוכין, סוזי ווערנאָן,

שבת און זונטאָג 12 מיטאָג קרזעסלאָ צו 49 גר. **זיין עקסעלענץ, די ליבע.** חוץ דעם: אַקטועלער קלאַנג איבער'ן פּראָגראַם.

ערשטער מוסטערהאַפטער

קלאַנג=קינאָ

Nowości

לעצטער סעאַנס 9-30 אָוונד.

[illegible] און ווייטערע טעג.

היינט פרייטאַג און מאָרגען שבת צום לעצטען מאָל

BŁĘKITNA RAPSODJA

אין די הויפּט-ראָלען: **זשאַנעט גיינאָר טשאַרלז פאַרעל.**

פון זונטאָג ד. 2 גענצליך נייער פּראָגראַם! רעוואָלוציע! מאַרק טוועין אויפ'ן עקראַן

NA DWORZE KRÓLA ARTURA רעקאָרד פון הומאָר און פאַנטאַסטישקייט

די גרעסטע קאָמעדיע פון סעזאָן! אין די הויפּט-ראָלען: **ווילי ראָגערס און מירנאַ לאָי.**

אַ גוט יאָהר!

אַלע מיינע געעהרטע יודישע בעזוכער פון טשענסטאָכאָוו און אומגעגענד ווינש איך צו זייער נייעם יאָהר פיעל גליק.

אַלס צייכען פון אַכטונג שפּענדע איך 25 זל. פאַר „בית לחם“.

W. GOGUT
wł. kina „Nowości“

אַ גוט יאָהר!

אַלע מיינע געעהרטע יודישע בעזוכער פון טשענסטאָכאָוו און אומגעגענד ווינש איך צו זייער נייעם יאָהר פיעל גליק און צופרידענהייט.

W. KRZEMIŃSKI
wł. kina „Odeon“.

נוצט אויס די געלעגענהייט

אין קויפט אויף די ימים-טובים

ברילען, בינאָקלען

מיט די בעסטע גלעזער „צייס“

לויט די רעצעפּטען פון די ה"ה אָקוליסטען, ווי אויך אַלע **רעפּעראַטורען.**

אַפּאַראַטען און פאָטאָגראַפישע צוגעהער, ווי אויך פערשידענע שטאָהל-וואַרג צו זעהר ביליגע פרייזען.

——— רעיעלע און סאָלידע בעהאַנדלונג. ———

Optyk Medical, Aleja 31.

Redaktor: Izrael Płockier Wydawcy: B. Becian i I. Płockier Druk. B. Becian, Aleja 6